STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04399

GEKLIBENE LIDER

Aaron Kushnirov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. קושניראָוו

געקליבענע לידער

פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״
מאָסקווע. 1975

С(евр.)2
К 96

אינעם דאָזיקן בוך זײַנען אײַנגעשלאָסן די בעסטע לידער, וואָס דער באַוווּסטער סאָוועטישער ייִדישער דיכטער א. קושניראָוו האָט אָנגעשריבן פאַר העכער דרײַסיק יאָר פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקייט.

© *Издательство «Советский писатель» — 1975 г.*

К $\frac{70403-401}{083(02)-75}$ 283—75

ארן קושניראָוו — דער דיכטער

זײַנע ערשטע שעפערישע פּרוּוון האָט קושניראָוו געמאַכט נאָך ביז דער רעוואָליוציע. א דיכטער א שלאַכטמאַן, אן אָנטיילנעמער פון דרײַ מיל־כאָמעס, האָט קושניראָוו געפונען זײַן אָרט און זײַן באַרוף אין דער ליטע־ראַטור נאָכן ניצאָכן פון דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, וועלכע האָט אים פאַרכאַפּט מיט אירע מאַסשטאַבן, מיט דער גרויסקײַט און גע־רעכטיקײַט פון אירע אידעאַלן.

קושניראָוו איז געקומען מיט א נײַ דיכטעריש וואָרט און מיט נײַע אידייִשע מאָטיוון נאָך דעמלט, ווען די ערשטע פּאַלאַנגע ייִדישע סאָוועט־טישע דיכטער האָבן געזוכט זייערע וועגן. אין זײַן ליד האָט אָפּגעהילכט דאָס קאָל פון דער רעוואָליוציע, וועלכע האָט אויפגעוועקט פון דורעסדיקן שלאָף פעלקער און מענטשן, וואָס האָבן געשוויגן, ווי די „הויכע, האַרטע, פעסטע ווענט”, וועלכע זײַנען טויזנטער יאָרן געהאָרכזאַם געווען. צוזאַמען מיט די דערוואַכטע פאָלקסמאַסן מעלדן איצט די ווענט: „גיט אונדז א מויל! וועלן מיר שרײַען: מיר הערן פעסטע, שווערע, זיגערישע טריט!..” דאָס איז געווען א דעקלאַראַציע פון דער נײַער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג.

אין קושניראָווס „ראָסייא” איז אויסגעדריקט זײַן באַציִונג צום נײַעם רעוואָליוציִאָנערן רוסלאַנד אין די יאָרן פון בירגערקריג, ווען די יונגע סאָוועטישע רעפּובליק האָט איבערגעטראָגן אומגעהערטע ליידן און פּײַן, שטייענדיק איינע אליין קעגן די באַוואָפנטע קויכעס פון דער אלטער וועלט. „נישט דיך בײַגעקומען, נישט פאַרטיליקט דיך”, — דערקלערט דער דיכטער. און ניט בלויז דאָס: „מעג זיך וועלט נאָך אקשענען, מעג זיך וועלט ניט רעכענען ניט מיט דײַנע עמעסן, ניט מיט דײַנע ליידן, רויכיק, אָבער ליכטיק ברענען פעסער פעכענע, וואָס דו האָסט אָנגעצונדן אף דעם גרויסן שיידוועג”.

קושניראָוו האָט געזוכט נײַע פאָרמען און מיטלען, קעדיי אויסדריקן די גרויסקײַט פון דער צײַט. ער איז געווען א דיכטער פון אופרײַסנדיקן סאָציאַלן און רעוואָליוציאָנערן פאַטאָס, און ער האָט אָט דעם דיכטערישן פאַטאָס זײַנעם שעפעריש אנטפלעקט אין מאָנומענטאַליסטישן סטיל.

שטריכן פון מאָנומענטאַליסטישן סטיל לאָזן זיך פילן אין קושניראָווס דיכטונג, ווען ער קומט אָן צו בילדער און געשטאַלטן, וועלכע זײַנען פארבונדן מיט דער ביבלישער מיטאָלאָגיע און דורך וועלכע ער וויל איבערגעבן די קראַפט און די מאכט פון רעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד:

ניט דער גיבער שימשון אין זײַן לעצטן ראנגל
טרייסלט אויף די זײַלן פון זײַן סוינעס פעסטונג,
דאָס האָסטו, מײַן לאַנד,
די וועלט באַראַשט מיט קלאַנגען,
וועלכע שטײַגן הײַנט פון דײַנע גלאָקן־נעסטן.

זײַענדיק דער זינגער פונעם מאָנומענטאַלן אין דער רעוואָליוציע, איז גלײַכצײַטיק קושניראָוו געווען ווײַט פון דעם אבסטראַקט־אוניווערסאַלן, וואָס איז צו יענער צײַט געווען ניט קיין זעלטענע דערשײַנונג אין דער פּראָלעטקולטישער דיכטונג. קושניראָוו האָט אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן, אין צוויי יאָר ארום נאָך זײַן ליד „ווענט", געשאפן דאָס קלאַסיש־דיכטערישע ווערק „אזקאָרע", וואָס איז לויט דער ליריש־עמאָציאָנעלער קראַפט, לויט דער מײַסטערשאפט פון בילד, לויט דער אופריכטיקײַט און טיפקײַט פון אידייִשן אינהאַלט ביז איצט ניט איבערגעשטיגן געוואָרן אין אונדזער דיכטונג.

קושניראָווס „אזקאָרע" איז א ווערק פון גרויסן סאָציאַל־היסטאָרישן דראַמאַטיזם. דאָס דיכטערישע וואָרט איז אָנגעזעטיקט מיט אופטרייסלענדיקער טראַגישער בילדערישקײַט:

שטאַרב, שטארב, מײַן געשריי, וועסט בעמיילע
אין הימלען ניט ווערן דערהערט.
נאַכט האָט פארמאָסטן דעם מוילעד,
ווי א מעסער איבער האַלדז פון דער ערד.

אָבער דאָס איז ניט בלויז קיין געוויין, ניט קיין קלאָג איבער פּאָגראָמען, איבער מאָרד און גוואַלדטאַט, דאָס איז אויך פּראָטעסט. ניט קיין

מאכטלאָז געשריי, נאָר א רוף צו ווידערשטאנד. דער דיכטער אנערקענט ניט דאָס געשריי, וואָס וועט „בעמיילע אין הימלען ניט ווערן דערהערט..." „פאר וועמען, פאר וועמען איצט פאלט מען בעטן ראכמים פאר זיך און פאר אײַך". דאָס איז שוין קימאט די זעלבע קראפט פון פארורטיילן מאכטלאָזיקײַט און פאסיווקײַט אין מאָמענטן פון היסטאָרישע קאטאקליזמען, ווי אין ביאליקס צאָרנדיקע לידער קעגן פאכדאָנעס און צופאסן זיך צום בייז. קושניראָווס „אזקאָרע" איז אן אייגנארטיקע הישטאפכעס־האנעפעש, א טיף רירנדיק אײדל געזאנג, וואָס באצייכנט א שארפן קער אין לעבן פונעם פאָלק. דאָס איז טאקע אן אנטשיידענע געזעגענונג מיטן אלטן, צו וועלכן עס איז שוין ניטאָ קיין אומקער: „אין נעשאָמע א מײַזעלע שקראבעט — צי טאטנס, צי זיידנס א ניגן, נאָר די טיר פון מײַן אייגענעם שאבעס האָט וואָך מיט א שטערן פאריגלט". עס קאָן זיך דאכטן, אז דער דיכטער זעט ניט קיין אויסוועג, אזוי געדיכט זײַנען די פארבן: „שטארב, מײַן געשריי", „ווי א מעסער איבער האלדז", „נאכט וועט ניט אופהערן הארגענען", „ווינטן ראָצכים", „צעמאָלט מיך, מילשטיינער", „מײַן שווערע לעווײַע", „מײַן לעצטער געשריי וועט אין כוישעך מיט קאָפּ זיך פארכלינען". און דאָך, ניט געקוקט אף אָט דעם שווערן אימאזש, פילט זיך אינעם ענערגישן, ווי אויסגעהאקטן פון שטיין, פּאָעטישן וואָרט ניט קיין ייִעש, נאָר אזא קראפט, וואָס קאָן גיוועך זײַן יעדער מין פארצווייפלונג. גראָד אָט די שרעקלאָזע אופריכטיקײַט און אָפענע דיכטערישע אנערקענונג פון גרויזאמקײַט און הארבקײַט פונעם לעבן איז דער בעסטער באווײַז פון ווילן און קראפט גיוועך צו זײַן אינערלעכע און אויסערלעכע שוועריקײַטן, ניט בייגן זיך און ניט פאלן אונטער זייער לאסט, ווארטן און דערווארטן זיך, ביז „דער העלער מאָרגן, מאָרגן צעוויקלטער" וועט אָנהייבן פינקלען מיט א נײַער שײַן.

ניט לאנג האָט געדויערט, ביז קושניראָוו האָט אינגיכן שוין דערקלערט: „דאָס וועט אויך זײַן אונדזער לעצטער שטרײַט — הערן רויש פון הארבסטיקן געבלעטער, ווייל צו די, וואָס קומען צו דער צײַט, ווייל צו די, וואָס האָבן ניט פארשפּעטיקט". קושניראָוו געהער צו די בעסטע זינגער, וואָס איז געקומען צו דער צײַט און האָט ניט פארשפּעטיקט. אין פיר יאָר ארום נאָך „אזקאָרע" האָט ער געגעבן אונדזער ליטעראטור זײַן צווייט קלאסיש ווערק „הארבסט". דאָס איז אויך אן עלעגיע, ווי ס'איז אן עלעגיע „אזקאָרע". אָבער דאָ, אין „הארבסט", איז דאָס שוין אן עלעגיע פון דערמאָנונג, פון איבערגעווייטעקטן פּײַן, ניט קיין היש־

טאפּכעס־האנעפּעש, נאָר א כעזשבן־האנעפּעש, א סאכאקל פון א דורכגע־מאכטן וועג פון אינערלעכע אידייִש־פּסיכאָלאָגישע שטרײַטן. און דער דיכטער האָט די פולע רעכט אָפן צו דערקלערן:

ס'איז שוין ווערט געווען, ס'איז געווען שוין ווערט
זיך שטורעם אָפּגעבן מיט פולן הארצן
פאר אלץ, פאר אלץ, וואָס כ'זע איצט אף מײַן ערד
אין א טאָג אזא,
א גאָלדענעם,
א הארבסטיקן.

קושניראָווס דיכטונג איז דורכויס פּאָליטישע און סאָציאַלע ליריק. עס איז כאראקטעריסטיש פאר זײַן שאפונג, וואָס אין פארלויף פון דרײַ צענדליק יאָר האָט ער קימאט ניט געשאפן קיין ציקל ליבע־ליריק, נאַ־טור־ליריק, שטייגער־ליריק. ער האָט אלס דיכטער וויניק אכט אָפּגעגעבן די אינדיווידועלע פּסיכאָלאָגישע קאָליזיעס פון דער פּערזענלעכקײַט, פונעם באזונדערן מענטשלעכן אינדיווידום. זײַן דיכטערישע לײַדנשאפט און שעפערישן פּאַטאָס האָט ער אינגאנצן אָפּגעגעבן היסטאָרישע, נאַציאָ־נאַלע און דעריקער — פּאָליטישע און סאָציאַלע דראמאטישע און טראַ־גישע פּראָבלעמען און געשעענישן. אין דער ערשטער ריי איז דאָס געווען די אָקטיאבער־רעוואָליוציע, דער בירגערקריג און דער גורל פונעם סאָציאַליזם אין לאנד.

קושניראָוו איז אין דעם זינען נאָענט צו וולאדימיר מאיאקאָווסקין. און ניט בלויז לויטן אידייִשן אינהאלט פון זײַן דיכטונג, נאָר אויך לויט זײַן סטיל. איך האלט פאר איבערגעטריבן די מיינונג פון ליטוואַ־קאָוון, אז אף קושניראָווס שאפונג האָט שטארק געווירקט יעסענין. קוש־ניראָוון איז מער אייגנטימלעך דער פּאָליטישער קינסטלעריש־פּובליציס־טישער אויסגעשריי פון א טריבון, ווי די בילדערישקײַט פון אזא אינטי־מען ליריקער, ווי יעסענין. אים האָבן מער גערעגט אלמענטשלעכע, אל־וועלטלעכע קאָליזיעס. אפילע די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם באטראכט ער קיינמאָל ניט איזאָלירט, נאָר שטענדיק אין דער ענגסטער פארבינדונג מיט דער היסטאָרישער אנטוויקלונג פון דער מענטשהײַט, מיט די אויפ־גאבן פון דער רעוואָליוציע אינגאנצן גענומען. אין שטארקן ציקל לידער וועגן דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט הערן זיך מער מאָטיוון פון באַ־הערשן די ווילדקײַט פון דער ווײַטמיזרעכדיקער טײַגע און עס קלינגט

קימאט ניט דער נאציאָנאלער טאָן און דער נאציאָנאלער אקצענט. „ווײַטער מיזרעך״ — אזוי הייסט דער דאָזיקער ציקל. און אלע לידער הילכן אָפּ בלויז ווי די קינסטלערישע פארקערפּערונג, ווי א געזאנג וועגן קאמף פונעם מענטשן מיט דער אוראלט־ווילדער סטיכיי פון דער נאטור, וועלכע ווערט דאָס ערשטע מאָל באטראָטן און באהערשט פונעם מענטשן. דער דיכטער באזינגט די נאטור, די טײַגע, דעם טײַך סאָלאלי, דעם כינגאן, די כײַעס און די פייגל, דעם הימל און די ערד פון דעם ווײַטן מיזרעך... און דעם מענטשן, דעם נײַעם באלעבאָס און דעם באהערשער פון אָט דער ווילדער נאטור:

פונוואנען די קראפט און פונוואנען דער דראנג
באם הירש אין געלויף, בא דעם בער אין זײַן גאנג,
אין שפּרונג בא דעם טיגער, באם אָדלער אין פלי
און אין האסטיקן שטראָם פונעם טײַך סאָלאלי?

עס איז דעריבער גאנץ פארשטענדלעך און נאטירלעך קושניראָווס שטורמישער שעפערישער אויפבראָך אין די פערציקער יאָרן, אין לעצטן צענדליק יאָרן פון זײַן לעבן און שאפן, וואָס איז פארבונדן אינגאנצן מיט די רומפולע טראגישע און העלדישע יאָרן פון דער גרויסער פּאַטער־לענדישער מילכאָמע קעגן דעם דײַטשישן פאשיזם. דער לידער־בוך „פּאָטער קאָמאנדיר״ — קושניראָווס „שוואנען־ליד״ — איז לויט דער מײַסטערישער שאפונגס־קראפט ניט ווייניקער באדײַטנדיק, ווי זײַנע באריממטע ציקלען „וועגט״, „צוג״, „אזקאָרע״, וועלכע זײַנען ארײַן אין דער זאמלונג „ברויז״ און מיט וועלכע דער דיכטער האָט פארנומען זײַן בעקאָוועדיק אָרט אלס אָנהייבער און גרונטלייגער פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור, אלס דיכטער פון דער רעוואָליוציע.

די גרויסע פּאָטערלענדישע מילכאָמע, ווי די גרויסע אָקטיאבער־רעוואָליוציע, האָט ארויסגערופן באם דיכטער נײַע שעפערישע אימפּולסן. מיט דער גאנצער לײַדנשאפט פון א דיכטער א פאטריאָט, א דיכטער א שלאכטמאן געפינט קושניראָוו דאָס נייטיקע, דאָס אנטשפּרעכיקע וואָרט און בילד, קעדיי איבערגעבן די געפילן פון סינע צום פאראכטן דײַטשישן פאשיסט, דאָס וואָרט און בילד פון ליבע צום היימלאנד, צום העלדישן סאָוועטישן מענטשן, דאָס וואָרט און בילד פון זיכערקײַט אין קומענדיקן ניצאָכן איבערן פײַנט. די לידער פון דער זאמלונג „פּאָטער קאָמאנדיר״

זײַנען אָנגעזעטיקט און איבערגעזעטיקט מיט לײַדנשאפטלעכע עמאָציעס פון האס און ליבע, פון קאמף און זיג —

אָ, סוינע, צערין און פארשווינד,
איך גיי אף דיר, ברוינער געוויטער,
מיט מוט און מיט קויעך, וואָס גיט מיר
ליבע צו ווײַב און צו קינד.

ליבע צו ווײַב און צו קינד —
א קוואל אזא ריינער און פרײַער,
א קראפט אזא פעסטע און טרײַע
אין גרויסן מײַן היימלאנדס געזינד...
ליבע צו ווײַב און צו קינד.

ארן קושניראָוו שטייט צווישן צוויי דוירעס דיכטער, וועלכע זײַנען געקומען איינער נאָכן צווייטן, און ער, קושניראָוו, האָט מיט זײַן דיכטונג זיי פארבונדן, ווי א בריק, און פארייניקט אין איין רומפולער פלעיאדע שעפער פון דער רעוואָליוציע מיט אלע אירע פילארטיקע אספעקטן און אויסקומענישן. פון קושניראָוון, דעם זינגער פון דערהויבענעם אין דער רעוואָליוציע, פירט שוין א גלײַכער וועג צו איציק פעפערן, איזי כאַריקן, די דיכטער פון קאמף און פון זיג, און פון זיי — צו די טאלאנטפולע מײַסטערס פון דער הײַנטצײַטיקער יידישער סאָוועטישער דיכטונג.

ה. רעמעניק

ווײַטער מיזרעך

סאָלאַלי

פונוואַנען די קראַפט און פונוואַנען דער דראַנג
באַם הירש אין געלויף, בײַ דעם בער אין זײַן גאַנג,
אין שפּרונג בײַ דעם טיגער, באַם אָדלער אין פלי
און אין האַסטיקן שטראָם פונעם טײַך סאָלאַלי?

אין הייכן כינגאַנער זײַן אָנהייב ער נעמט,
אַ בעכער פון רעגנס אין פעלדזן פאַרקלעמט,
אַריבער די ראַנדן, אַריבער דעם ברעג
ער גיסט זיך אַריבער און לאָזט זיך אין וועג

דורך ענגשאַפטן, וועלכע אים קומט דאָרטן אויס
זיך דורכברעכן שטענדיק מיט האַסט און מיט שטויס,
אַז פול ווערט די טײַגע מיט דונער און בראָך,
מיט טשערעדעס שטיינער, וואָס לויפן אים נאָך.

פון כינעזישע שטעגן, פון ווילדן אַרום
ווער רופט זיך דאָרט אָפּ מיט געהויל און געברום,
פון צעדער פון העכסטן דער פויגל, וואָס שרײַט,
און מיך, וואָס געבראַכט האָט אַהער פון דער ווײַט.

מײַן לאַנד אַזוי גרויס איז, און גרויס איז מײַן ערד.
דער וווּנדער פון ראַכוועס פון איר ער מיך נערט,
דעם ווינט פון איר צאָפן, פון דאָרעם די לופט
מיט לײַב כ׳האָב פאַרזוכט און מיט אָטעם געפּרוווט.

איך ווייס, ווי איר מײַרעוו אין צײַטן זיך בײַט,
איך ווייס, ווי איר מיזרעך איז נאָענט און ווײַט,
און איצט מיט אנציקונג און פאכעד באגלײַך
איך שטיי דאָ פאר ווילדן, פאר טײַגישן טײַך.

די זון נעמט פארגיין, און א שאָטן שוין פאלט,
מײַן וועג אזוי ווײַט נאָך — און ער מיך פארהאלט,
ער טראָגט זיך פארבײַ מיט געקלאנג און געהילך,
מיט וואסער צעשוימטן, וואָס זידט אוף ווי מילך.

ס'איז האסטיק זײַן שטראָם, אזוי מעכטיק ער איז,
ער ווארפט אום מיט קויעך מײַן פערד פון די פיס,
די שרעק פונעם פערד אין די קני מיר דערלאנגט;
צו נאָענטע און ליבע זיך ווענדט דער געדאנק.

מײַן אלטינקע מאמע, ווי ווײַט דו ביסט איצט,
דו האָסט מיך פון פײַער און וואסער געשיצט,
ווי וואָלט דיך דײַן אומרו געטאָן דאָרט א גלי,
ווען דו ווייסט, ווי איך נעם איצט דעם טײַך סאָלאלי.

אָט איז שוין זײַן סאמע, זײַן ברויזיקע מיט,
א ווידערקאָל הויך איבער מיר זיך צעשיט,
אן איינזאמע שטים מיר אין הארץ דרינגט ארײַן,
צי שוין זשע מײַן אייגענער קאָל זאָל דאָס זײַן?

מיט נאָך א געשריי איך דערמוטיק מײַן פערד,
א בוים אפן אנדערן ברעג מיך דערהערט,
ער שטרעקט צו מיר אויס, יענער בוים, זײַנס א צווײַג:
„אָט נא דיר, כאפּ אָן זיך וואָס שטארקער און שווײַג“.

און ווידער די הארטקײַט פון ערד איך דערשפּיר
מיט וועגן און אומוועגן אלע אף איר,
וואָס איך בין אדורך שוין אין כאָלעם, אין וואָר
און וועלכע אדורכגיין מיר שטייט נאָך ערשט פאָר.

1938

דער וועג אין דער טײַגע

ארוף און ארוף פֿירט דער שטעג
אין ווילדקײַט, אין טיפֿקײַט פֿון טײַגע.
מענטש! דו, וועלכער ווייסט ניט פֿון שרעק
און וואגט דאָ צו שפּאנען און שטײַגן.

כאַפּ איבער דעם אָטעם שטארק,
רו אָפּ אף א ווײַלע אין שאָטן.
עס וועט נאָך ביז שפּיץ פֿונעם בארג
ניט איין מאָל דיר אויספעלן אָטעם.

די טײַגע מיט זון־שײַן פֿארפּלייצט,
זי בלענדט מיט די גריִנסטע קאָלירן
און רופֿט אזוי פֿרידלעך און רייצט
מיט צארטער שיינקײַט מיט אירער,

ווי זי וואָלט אין טיפֿעניש דאָרט,
אין ווילדקײַט בא זיך אין פֿרײַער
קיין זומפּן, קיין אָפּגרונטן גאָר,
קיין בייזע געפֿאר ניט פֿארטײַעט.

עס שווינדלט פֿון לינקס און פֿון רעכטס
איר שמייכל דער גרינער און מילדער.
אָ, מענטש! זאָלסט באהיט זײַן פֿון שלעכטס,
דער שטעג זאָל דיר דינען דער ווילדער,

דער שטעג, וואָס ער פירט דיך אַרויף,
און ערטערווייז פאַלט ער אין נידער;
ווי ער וואָלט דײַן דראַנג אויסגעפּרוּווט,
דײַן גרייטקייט צו שטײַגן ווידער.

נאָר דו ווערסט ניט מיד, ווערסט ניט מיד,
דו גייסט, כאָטש עס טראָגט דיך דער קאָפּ קוים...
און כ׳הער שוין, אָ מענטש, דײַנע טריט
אויף רוקן פון העכסטער סאָפּקע.

אַרום ליגט די ווילדעניש שײַן,
קיין אָטעם פון מענטש און פון ייִשעוו,
און דו ביסט געבליבן שטיין
פאַרוווּנדערט, באַצויבערט, פאַרקישעפט,

ווי דו וואָלסט מיט האַרץ און פאַרשטאַנד
דערשפּירט מיטאַמאָל פאַר די אויגן
דײַן ליכטיק מאָרגנדיק לאַנד,
וואָס האָט דיך אַ לעבן געצויגן.

1946

וואַלדהיים

געקומען זײַנען מיר פֿון זייער ווײַט אהער,
א הײַפּעלע א קליינס, א צענדליק מאַן, ניט מער,
מיט ערשטן פֿרילינג־ווינט, מיט ערשטע פֿרילינג־טעג,
דורך טײַגע זומפּיקער, אָן וועג, אָן שטעג.

ארומגעקוקט זיך און זיך איבערגעקוקט שטום,
אזא מין גרויסע ווילדעניש ארום!
געדיכטעניש, פֿאַרוואַקסנקייט און גנוס —
צי האָט דאָ ווען־ניט־איז א מענטש געשטעלט א פֿוס?

נאָר שיין איז דאָ געווען. אויב ווילדקייט קאָן זײַן שיין,
איז דאָס געווען די שיינקייט און די פּראַכט אליין!
א פֿרישע גרינע וועלט אין רינג פֿון סאָפּקעס בערג,
דער כאַאָס האָט געמעגט זײַן קאָנטעט מיט זײַן ווערק.

דער פֿרילינג האָט נאָרוואָס די ערד באַהויכט,
דעם הימל אויסגעקלאָרט און אויסגעבלויט אזוי,
אז אלע סאָפּקעס האָבן זיך געצויגן אין דער הייך
און דאָרט זיך אָפּגעשאָטנט אינעם בלוי.

א וואַלד אָן אורעלטער האָט זיך פֿאַר אונדז געשפּרייט
פֿון זײַן געדיכטעניש, און פֿון זײַן טיף, און פֿון זײַן ברייט,

באַנומען האָבן מיר פֿון וואַסערן דעם דראַנג,
פֿון גראָזן דעם געשפּרעך, פֿוןביימער דאָס געזאַנג.

און איינער האָט געזאָגט: „איר ווייסט, ס׳געפֿעלט מיר באַלד,
ס׳געפֿעלט מיר אָט דאָס לאַנד, ס׳געפֿעלט מיר אָט דער וואַלד.
אונטער אַזאַ מין זון די ערד מוז זײַן געבענטשט, —
הײַנט שטעלט זיך פֿאָר, אַז דאָ וועט צוקומען אַ מענטש״.

האָט נאָך איינער געזאָגט: „בעפֿיירעש ס׳האָט אַ גרונט,
אָט דאָ אין וואַלד — אַ היים, צום לעבן און געזונט״.
באַשלאָסן האָבן מיר: אָט דאָ זאָל זײַן „וואַלדהיים״!
דערווײַל איז דאָ געווען אַ וואַלד, נאָר ניט געווען קיין היים.

און ס׳ערשטע מאָל האָט דאָ דער וואַלד דערוואַכט
מיט ערשטן שײַטער אָנגעצונדענעם אין נאַכט,
און צו באַגינען האָט דער וואַלד געטאָן אַ קנאַק,
דער ערשטער בוים געפֿאַלן אונטער האַק!

די ערשטע שטוב, וואָס מיר האָבן דאָ אויפֿגעשטעלט,
איז אויך געווען אַ פֿרישע נײַע וועלט.
פֿון ערשטן קוימען אונדזערן דער רויך
ווי פֿריילעך האָט אַוועקגעצויגן זיך אין בלויער הויך.

ווי האַסטיק האָט גענומען שפּראָצן קעגן זון
די מי, וואָס מיר האָבן דער ערד פֿאַרטרויט.
און מיר האָבן צום ערשטן מאָל פֿאַרזוכט דעם טאַם דערפֿון,
און מיר האָבן געגעסן דאָ געבענטשטן ברויט.

און מילך גענומען טריפֿן האָט פֿון גראָז און גרין,
און האָניק האָט גענומען טראָגן אונדז די בין.
אַ וועלט, וואָס איז געווען פֿאַרשלאָסן און געהיים,
צעעפֿנט האָבן מיר: אָט דאָס איז היים!

געקומען זײַנען מיר א הײַפּעלע, ניט מער,
ווי גרויס און רײַך אין צאָל מיר האָבן זיך פֿארמערט.
זאָל זײַן געבענטשט פֿון קומען אונדזערן די שאָ,
ווײַל היים און היימלעכקײַט און היימלאנד איז איצט דאָ.

1937

אף די שפּורן פון מײַן יוגנט

צי געוועזן איז דאָס אין כאָלעם,
צי געזען כ'האָב דאָס אין וואָר, —
יענע בערג און יענע טאָלן
איך פאַרגעס ניט וויפל יאָר.

וויפל וועגן דורכגעפאָרן,
וויפל שטעגן דורכגעשפּאַנט,
אַך, ווי מיר איז ליב געוואָרן
יענער ווײַטערווילדער קאַנט.

ווי די טײַכן דאָרטן שווימען,
ווי די וועלדער וואַקסן ווילד,
ווי דאָרט זײַנען קלאָר די רוימען,
ווי די ווינטן זײַנען מילד.

די פאַרנאַכטן, די פאַרטאָגן,
בײַ דעם צאַרטן הימל־ראַנד, —
אַך, ווי איך האָב ליב געקראָגן
יענעם ווײַטן ווילדן קאַנט.

ניט מיט צייכנס מיט פאַרהאַקטע
האָב איך אָפּגעמערקט מײַן גאַנג,
נאָר מײַן יוגנט, מײַן געוואַגטע
האָט צעשאָטן דאָרט איר קלאַנג.

טעג מיט וואסערן פארשווומען,
נעכט מיט שײַטערס אָפּגעפלאמט.
אך, ווי איך האָב ליב באקומען
יענעם ווײַטןווילדן קאנט.

איצט מיט רויש פון פלינקע צוגן
כ׳פּרוּוו זיך יאָגן נאָך מײַן פרייד,
אף די שפּורן פון מײַן יוגנט,
וואָס כ׳האָב דעמאָלט דאָרט צעזייט.

מערער אומוועגן ווי וועגן
זײַנען דאָרטן מיר באקאנט.
אך, ווי מיך וועט שטענדיק רעגן
יענער ווײַטער, ווילדער קאנט.

וויפל יאָרן, וויפל מײַלן,
און מײַן דראנג אהין איז גרויס —
ווי די טריט מײַנע ניט אײַלן,
נאָר דאָס הארץ פארלויפט פאָרויס.

יוגנט מײַנע, יוגנט טרײַע
דאָרטן גייט מיט מיר באנאנד.
אך, ווי מיר איז ליב און טײַער
יענער ווײַטער העלער קאנט.

1939

די סאָסנע

אף ווילדן פעלדז, אף העכסטן שפּיץ
א סאָסנע שטייט און רוישט.
מיט גרינעם קאָפּ אין קעלט, אין היץ
פאר זון, פאר ווינט אנטבלויזט.

שוין וויפל דונערס דאָ געקנאלט
און שטורעמס דורך פארביי,
און זי מיט יאָרן זאט און אלט,
זי שטייט און רוישט דאָ פריי.

נאָר פלוצלינג בלייבט זי שווייגן שווער
און אָטעמען ניט וואגט,
זי קוקט מיט שרעק: ווי קומט אהער
א מענטש... און מיט א האק?!..

1938

מוירע פאר דער טײַגע

דער טאטע מיט דער מאמען זײַנען פרי אין וואלד אוועק,
דאָס קליינע מיידעלע אין בײַדל איז פארבליבן,
און איין־אליין זי זיצט דאָ אף די פּעק,
וואָס זײַנען נאָך פון וועג ניט צוגעקליבן.
— וואָס וויינסטו, מיידעלע, וואָס איז פאר א געוויין,
פארוואָס דער וואלד ניט וויינט, פארוואָס דיביימער שווײַגן,
און איבער זיי דער הימל אזוי שטיל און ריין,
וואָס וויינסטו, מיידעלע?
—כ'האָב מוירע פאר דער טײַגע.

אזא מין טיפן וואלד, וואָס האָט דאָך גאָר קיין ברעג,
אזא געדיכטן וואלד, וואָס האָט דאָך גאָר קיין עק ניט,
כ'האָב ניט געזען פון זינט, פון זינט איך לעב —
די באָבע סײַדן פלעגט מיך מיט אים שרעקן.
די באָבע איז געבליבן אין דער היים,
ווײַט־ווײַט פונדאנען, דאָרט, ווו כ'בין געבאָרן,
און זי האָט אויך א גאנצן טאָג געוויינט,
פארוואָס זי פאָרט ניט און פארוואָס מיר אלע פאָרן.

און אויך באנאכט די באָבע האָט געוויינט,
פון פענצטער פון וואגאָן איך האָב געזען איר פּאָנעם.
און מיר האָט באנק געטאָן, פארוואָס זי בלײַבט אליין,
אז אונדז לויפט נאָך אפילע די לעוואָנע.

און טעג דערנאָך זײַנען אוועק געגנוג,
און נעכט אוואדע דרײַצן אָדער פערצן,
און די לעוואָנע איז ניט אָפּגעשטאַנען פונעם צוג
און איז מיט אונדז געקומען אזש אהערצו.

און יעדע נאכט אצינד איך זע זי דאָרט
הויך איבער אונדז אין הימל בלויען,
זי שטייט און היט און טרעט ניט אָפּ פון אָרט,
כאָטש וועלף א גאנצע נאכט אף איר דאָ וואָיען.
ווײַזט אויס, דער היגער הימל איר געפעלט,
אָט ווי דעם טאטן מײַנעם איז די ערד געפעלן.
ער זאָגט, פאר אים איז דאָ א נײַע וועלט,
און יעדן טאָג אלץ מער די אויגן זײַנע קוועלן.

און יעדן טאָג, גאנצפרי, ער גייט אוועק אין וואלד,
און נעמט נאָך מיט אהינצו אויך די מאמע,
און איך דערהער, ווי בוים נאָך דאָרט פאלט
און ווי מע האקט די וואָרצלען בא די שטאמען.
און איך האָב אזוי מוירע פארן הוק,
וואָס גייט אדורך אין וואלד איבער די צווײַגן,
און פארן בער, וואָס קאָן נאָך קומען טאָן א קוק,
וואָס טוט זיך דאָ, וואָס איז געשען בא אים אין טײַגע.

נאָר ווידער בלויער אָוונט קומט צו גיין,
און די לעוואָנע קומט צו גיין שוין ווידער,
דער טאטע קומט, די מאמע קומט צו גיין,
כאָטש זייער מיד, נאָר עפּעס גאָר אזוי צופרידן.
דער טאטע פריילעך זאָגט: פאר אים איז דאָ א וועלט,
און איך בין אין א גוטער צײַט געבוירן...
און ווידער זע איך, ווי זײַן פּאָנעם קוועלט,
און כ׳שעם זיך שוין דערציילן, ווי כ׳האָב מוירע.

1938

טײַגע

(ליד פון די אמורער פארטיזאנער)

אוי, דו טײַגע, טײַגע גרויזאמע,
דו געדיכטער שווארצער וואלד,
האָסט פאר אונדזער אָרעם הויזגעזינד
ווי א היים דײַן טיר צעפּראלט.

ווו די ווילדקײַט באלעבאטעוועט,
אין די זומפּן דאָרט בא דיר —
דאָרטן האָבן זיך געראַטעוועט
פארטיזאנער אָן א שיר.

פארטיזאנער, מאכנעס אײַזערנע,
זייער קאמף האָסטו געזען,
ביסט פאר זיי געווען א שפּײַזערן,
ביסט א פעסטונג זיי געווען.

אין דײַן פינצטערער געדיכטיקײַט
האָט געשטארקט זיך זייער מוט,
מיט די שײַטערס דײַנע ליכטיקע
האָסט דערווארעמט זייער בלוט.

אוי, דו טײַגע, טיפקײַט וועלדערשע,
צי געדענקסטו אונדז אצינד?

א גערוס דיר פונעם העלדישן פאַרטיזאַנישן געזינד!

אונדזער פרייהייט אונדזער ליכטיקע
האָסט פאַרהיט ווי א געשאנק,
איצט אין צייטן גוטע, גליקלעכע
מיר דערמאָנען דיך מיט דאנק.

א נײַע שטוב

מע טעסעט קלעצער און מע לייגט אין ווענט,
און הויכע באלקנס הייבן זיך ווי הענט
און נעמען אוף אף זיך פון דאך די ברעטער,
און טיר און פענצטער הענגט מען אויך אוף שפעטער.

אנטקעגן זון די שויבן פינקלען העל,
און ניט בארירט און ציכטיק ליגט די שוועל,
און אָטעמענדיק ברייט מיט וואלד און רויערד,
אף גאנעק טרעט ארוף אליין דער בויער.

פארווינטיקט איז זײַן פּאָנעם און זײַן לײַב,
אין שטוב ער פירט ארײַן זײַן יונגע ווײַב;
ער גייט מיט הארטע טריט, און זי מיט ווייכע,
נאָר ביידע זיי אלצייגס צופרידן שמייכלען.

די שטוב איז נײַ און שמעקט נאָך אזוי פריש;
אָט דאָ וועט שטיין א בעט און דאָ א טיש,
און פאר די שטולן אָט זײַנען די ערטער,
און ער און זי צעקושן זיך אָן ווערטער.

און ביידע, מידע פון א טאָג מיט פרייד,
דערוואַרטן זיי זיך ביז די זון פארגייט,
און ס׳ערשטע מאָל אין זייער שטוב אין נײַער,
זיי לייגן שלאָפן זיך, ניט אָנצינדנדיק פײַער.

די נאכט, וואָס קוקט אַרײַן אַ שאָ און צוויי
אין פענצטער ניט פֿאַרהאַנגענעם צו זיי,
זי זעט קיין מינדסטן שאָטן ניט אַפֿילע,
זי הערט נאָר שעפּטשערײַען הייסע, שטילע.

און לאַנג געדויערט דאָרט די שעפּטשערײַ,
אָט הערט זי אויף און הייבט זיך אָן פֿונסנײַ,
און נאָכאַמאָל, און ביז עס נעמט שוין טאָגן...
אַ פֿרוי וועט דאָ פֿאַרגיין אין טראָגן...

1939

בירא און בידזשאַן

אַף דער וועלט וויפל טײַכן פאַראַן,
וויפל מעכטיקע שיינע טײַכן,
נאָר צוויי טײַכן — בירא און בידזשאַן
כ׳וועל מיט קיינע פֿון זיי ניט פאַרגלײַכן.

ניט דערפאַר נאָר, ווײַל זיי זײַנען שיין,
ניט דערפאַר אויך, ווײַל מעכטיק זיי שטראָמען,
נאָר דערפאַר, ווײַל זיי האָבן באַשענקט
אַט די ערד מיט אַ פרעכטיקן נאָמען.

1938

א סימכע אין בירָאפעלד

כאנע, שטעל אוועק דאָ ווײַן א גאנצן עמער...
כ׳בין, ניט הײַנט געדאכט, געווען א קרעמער.
ווער וועט וואגן הײַנט דאָס מיר דערמאנען, כאנע,
אז מיר זײַנען שוין צען יאָר בירָאבידזשאנער?

כאנע, ווילסט — פון אָנהייב אלץ דערמאנען כ׳וועל דיר:
ווער האָט דאָ געקאָרטשעוועט די ווילדע וועלדער,
וועמענס לײַב האָט דאָ דער וויסטער גנוס געביסן,
אָן א דאך ווער פלעגט דאָ ווערן אויסגעריסן,
ווער האָט זיך געטרונקען אין פארפלייצונג,
ווער האָט אונטערגעשטעלט דאָ אומעטום א פלייצע!..
אך, ווען אלץ וואָלט צו קאלינינען דערגאנגען...
כאנע, כ׳שווער דיר — אָט אָ־דאָ אן אָרדען וואָלט געהאנגען!
כאנע, שווײַג, ווען איך האָב כיישעק ריידן,
אך, ווי גוט דאָס אלץ דערמאָנען מיר אין פריידן!
וועמענס שטוב איז הײַנט אין בירָאפעלד די שענסטע,
צו דער זון און צו דער וועלט מיט אלע פענצטער.
און צו וועמענס טיש הײַנט, קיין אײַנהאָרע,
ליבע געסט אזויפיל זיך צונויפגעפאָרן.
אך, ווי גוט דאָס אלץ אין פרייד דערמאנען,
כאנע, דאָס זײַנען דאָך אלץ בירָאבידזשאנער!
פון די אלטע, פון די ערשטע, פון די טרײַע...
אוי, עס קומט דאָך טאקע נאָכאמאָל לעכאַים!
טאקע נאָכאמאָל און נאָכאמאָל לעכאַים נעמען!

ניט דערמאָנט מיר מער די צײַט די פֿינצטערע אָט יענע,
ווען איך בין, ניט הײַנט געדאכט, געווען א קרעמער...
כאנע, ווײַן אהערצו נאָך אן עמער!..

1938

ביראָבידזשאַנער קינדער

צי גיין זינגען גלײַך,
צי גיין טאַנצן גאָר,
מיידעלעך, ייִנגעלעך,
ביראָבידזשאַנצעס — האָ!

ווער געגאַן אהער,
ווער געפּאָרן איז,
און מיר זײַנען — העי!
דאָ געבאָרענע.

אין די וויגן נאָך,
דורך שטילשווײַגעניש,
האָבן מיר געהערט,
ווי די טײַגע רוישט.

אויסגעוואַקסן דאָ
אַלע געראָטענע,
ווײַל נאָך שלאַקסרעגנס
זון געבראָטן האָט.

פרײַ די וועלט פאַר אונדז
אין די זומערן —
ווּ ס׳געפעלט אונדז נאָר,
ווּ מיר קומען נאָר.

אויך אף ווינטערן
גערן ווארטן מיר,
פרעסט און ווינטן דאָ
אונדז פארהארטעווען.

אוי, א לעבן — העי!
נאָר צום כידעשן,
וואקס און בלי און העל,
געגנט יידישע!

דייַנע קינדער גיב
הערצער מוטיקע —
טרייַ זייַט און האָט ליב
אונדזער פאָטערלאנד.

צי גיין זינגען גלייַך,
צי גיין טאנצן גאָר,
מיידעלעך, יינגעלעך,
ביראָבידזשאנצעס — האָ!

דרײַ רויטאַרמייער

דרײַ רויטאַרמייער האָבן אָפּגעדינט,
ערגעץ וואַרטן מאַמעס אַף די ווילע זין.

ווײַט זײַנען די יאַטן אָפּגעוועזן צוויי יאָר,
פונעם ווײַטן מיזרעך פאָרן שטייט זיי פאָר.

זאָגט איין רויטאַרמייער: — „כאָטש אַהיים עס ציט,
מיטן ווײַטן מיזרעך שיידן ווילט זיך ניט.

צי דעם בלויען הימל, צי די גרינע בערג,
צי כ׳האָב ליב באַקומען אָט די שיינע ערד.

דאָ ניט ווײַט פונדאַנען איבער ווילדן העק
אינזשעניערן יונגע לייגן דורך אַ וועג.

אינזשעניערן יונגע — ווילע יונגען צוויי
רופן מיך אַהינצו אַרבעטן מיט זיי.

ווי זאָגט מען זיך אָפּ, אַז מיר אַליין געפעלט
דורכצולייגן נײַע וועגן אין דער וועלט.

אופהייבן די ווילדקײַט ביז דער ווײַטסטער טיף,
מאַמע, קום צו פאָרן ווי דו באַקומסט דעם בריוו״.

רופט זיך אָן דער צווייטער: — „מיך פארכאפּט וואָס האָט:
דאָ ניט ווײַט פונדאנען בויט מען א שטאָט.

דאָ ניט ווײַט פונדאנען, בא דעם ווײַטסטן ראנד,
בויט א יונגע שטאָט די יוגנט פונעם לאנד.

איבער וויסטע זומפּן, איבער ווילדן וואלד
האָט נאָך אזא דונער קיינמאָל ניט געקנאלט.

וויפל שיינע צעדער לייגן דאָרט די קעפּ,
אונטער פרישע שוועלן, אונטער הויכע טרעפּ.

עפשער איך ניט יונג בין, און ניט שטארק איך בין,
אז מיר זאָל זיך אויך ניט וועלן גיין אהין.

צולייגן א האנט און צושטעלן א טראָפּ —
מאמע, קום צו פאָרן אין דער יונגער שטאָט".

„דאָ, ניט ווײַט פונדאנען, — אויך דער דריטער זאָגט, —
אינעם נײַעם יִשעוו כ'האָב א טאָג געטאָגט,

כ'האָב א טאָג געטאָגט, און כ'האָב א נאכט פארווײַלט,
און איך האָב אין ערגעץ מער שוין ניט געאײַלט.

ניט אזוי דער יִשעוו, ניט אזוי דאָס אָרט,
ווי דאָס מיידל, וועלכע שטארק געפעלט מיר דאָרט.

ווען איך האָב גאנצפרי געזען זי אינעם פעלד,
כ'האָב געמיינט, דער שמייכל אירער מיר געפעלט.

ווען איך האָב באטאָג באגעגנט זי אין וואלד,
מיט דער שלאנקער סאָסנע כ'האָב פארגלײַכט איר שטאלט.

װען איך האָב אין אָװנט זי געטראָפֿן פֿרײַ,
האָב איך ניט געװוּסט, װי גײט מען דורך פֿאַרבײַ.

װען זי האָט געפֿרעגט — האָב איך געזאָגט: איך בלײַב.
מאַמע, קום צו פֿאָרן זען מײַן שײנע װײַב”.

דרײַ רױטאַרמײער אָפּגעדינט און פֿרײַ;
אױף װײַטן מיזרעך פֿאָרן מאַמעס דרײַ.

1939

די ליד וועגן טויזנט מיידלעך

דורך סטעפּעס צעבליטע, דורך וועלדער צעגרינטע,
דורך בערג און דורך טאָלן באנאכט און באטאָג,
געלאָדן מיט יוגנט, באוואָפנט מיט אימפּעט,
א צוג א פארשײַטער אין ווײַטן זיך טראָגט.
פון טירן דאָס גליק זינגט, פון פענצטער די פרייד לויכט,
און רעדער, זיי קלאפּן געמאָסטן און קלוג,
און טויזנט באכיינטע און טײַערע מיידלעך
אף מיזרעך אף ווײַטן עס פירט יענער צוג.

פאָרט, מיידלעך, א פריילעכן וועג אײַך —
עס ווינטשט אײַך דאָס גאנצע לאנד,
באשײַנט דאָרט מיט פרייד אלע ברעגן,
באכיינט און באהיימלעכט דעם קאנט.

די טעכטער די שענסטע פון שטעט און זאוואָדן,
די בעסטע און טרײַסטע פון פעלד און קאָלווירט,
מיט אימפּעט באוואָפנט, מיט יוגנט געלאָדן,
אף מיזרעך אף ווײַטן דער צוג יענער פירט.
צו ברעגן דערוואכטע די טײַכן דאָרט שטרעבן,
און ארבעט די טײַגישע ווילדקײַט באטרעט,
און ס׳וואקסן דאָרט האסטיק מיט לידער און לעבן
די ייִנגסטע, די שענסטע, די פריילעכסטע שטעט.

פאָרט, מיידלעך, א וועג איַיך א גוטן —
עס ווינטשט איַיך דאָס גאנצע לאנד,
מיט אלע, וואָס ארבעטן מוטיק,
באכיינט און באהיימלעכט דעם קאנט.

אף וויַיטסטע זאסטאווס דאָרט מוט ווערט געשליפן,
בא גרענעצן שטרענגע דאָרט העלדישקיַיט וואכט.
און ליבע און טריַיהיַיט, געוואגטע און טיפע,
דאָרט ווערן געפרווווט און געהייליקט אין שלאכט.
זאָל ארבעט נאָך שטארקער דאָרט רוישן און ברויזן,
און טריַיהיַיט זאָל הייסער און טריַיער נאָך זיַין:
מיט שענסטע, מיט בעסטע מיט מיידלעך מיט טויזנט
אין מיזרעך אין וויַיטן א צוג פאָרט אריַין.

פאָרט, מיידלעך, א וועג איַיך א פריַיען —
עס ווינטשט איַיך דאָס גאנצע לאנד,
מיט ליבע, מיט מוט און מיט טריַיהיַיט
באכיינט און באהיימלעכט דעם קאנט.

א יונגער פרימאָרגן דורך נעפּל דורך העלן
די טויערן גרינע פון סאָפּקעס צעפּראלט,
און הויך איבער ציכטיקע בארגיקע שוועלן
די זון גייט אוף מעכטיק, און הייס, און צעשטראלט.
מיט בלויקיַיט מיט טיפער, מיט זוניקער שעפּע,
מיט שיינקיַיט אזא מין, וואָס העלט און וואָס בלענדט:
דער מיזרעך דער וויַיטער זיַין ראכוועס צעעפנט
פאר מוטיקע הערצער, פאר פליַיסיקע הענט.

פאָרט, מיידלעך, א פריילעכן וועג איַיך —
עס ווינטשט איַיך דאָס גאנצע לאנד,
באשיַינט דאָרט מיט מוט אלע ברעגן,
באכיינט און באהיימלעכט דעם קאנט.

1939

אַן עשעלאָן רויטארמייער

אך, ווי פלינק די צײַט, זי גייט,
געווען איז דאָס ווי לאנג,
ווען מיך האָט מײַן מאמע ארויסבאגלייט
אהער אין ווײַטן קאנט.

אורא‌ל איז ווײַט, סיביר איז ווײַט —
נאָך ווײַטער יענער קאנט.
פון דעמלט אָן, פון יענער צײַט
דער וועג איז מיר באקאנט.

ווי לאנג מע פאָרט, ווען קומט מען אָן
צו יענעם ווײַטן אָרט...
באטאָג, באנאכט אַן עשעלאָן
מיט רויטארמייער פאָרט.

פון פענצטער זייערע דאָס ליכט
רײַסט אויס פון נאכט א שטיק...
צי פאָרט ניט דאָרט מיט אײַך אויך איך,
א יונגער פריזיוווניק.

דעם זעלבן וועג, דורך בארג און טאָל,
דורך נידער און דורך הייך,
ניט איצט, ניט איצט — אמאָל, אמאָל,
איך בין געפאָרן אויך.

װי לאַנג מע פֿאָרט, װען קומט מען אָן
צו יענעם װײַטן אָרט...
באַטאָג, באַנאַכט אַן עשעלאָן
מיט רױטאַרמײער פֿאָרט.

אַך, געװען איז דאָס װי לאַנג,
און איך דערקען איצט ניט
אין אײַער פֿרײלעכן געזאַנג
מײַן בענקענדיקע ליד.
מײַן װעג אַהין, מײַן װעג צוריק
האָט ניט געפֿרײט באַגלײַך,
איך פֿרײ זיך איצט מיט אײַער גליק,
און כ׳בין מעקאַנע אײַך.

װי לאַנג מע פֿאָרט — װען קומט מען אָן
צו יענעם װײַטן אָרט...
באַטאָג, באַנאַכט אַן עשעלאָן
מיט רױטאַרמײער פֿאָרט.

1939

פּאָטער קאָמאַנדיר



פאָטער קאָמאַנדיר

באַנאַכט, פון אָסיענדיקע װעגן און פון בלאָטע,
געקומען „פּאָפּאָלנעניע” אין מײַן ראָטע.
כ׳בין דורך פאַרבײַ דער שיטערער שערענגע,
זיך אײַנגעקוקט אין פּענעמער אין מידע,
אַפילע אין דער פינצטערניש דער ענגער
זײ זעען אַלע אויס אַזוי פאַרשידן,
אַזוי פאַרשידן יעדנס אויגן גלאַנצן —
אַלץ יוגנט פון געבורט־יאָר פינף און צװאַנציק.

אָ, ייִנגלעך אַכצניעריקע און צאַרטע,
װי פרי אַף אײַער גורל איז געפאַלן
דער שװערער אָל פון מענער און סאָלדאַטן,
דער שטאָלצער כּיוװ פון קריגער און באַשיצער.
װי פרי עס מוז געפּרוּװט װערן אין פײַער
די רײַפקײַט אײַערע, דער קויעך אײַער...
װאָס גיט אײַך מוט און גרײטקײַט צו באַנעמען
דעם רוף און דעם באַפעל פון אונדזער הײמלאַנד?..
צי ייִנגלשע נאָך נײַגעריקע דרײסטקײַט,
צי ליבע טיף באַזיניקטע און הײסע,
צי טרײַהײַט אײַנגעבוירענע פון װיגל?..

אָ, אָדלערס מיט קוים־קוים געשטאַרקטע פליגל,
פון נעסטן הײמישע נאָרװאָס אַרויסגעפלויגן.
איך קוק אַצינד זיך אײַן אײַך אין די אויגן,

איך וויל דערזען דאָרט שטאַרקייט, ניט קיין מוירע.
מיר איז פאַרטרויט אצינדערט אײַער גוירל,
דאָס לעבן אײַערס, אײַער הייסער אָטעם,
איך בין איצט אײַער קאָמאַנדיר און פֿאָטער.

אָ, קינדער מײַנע, יונגע, צאַרטע לעבנס,
צי איז באַשערט מיר, צי איז מיר געגעבן
מיט אײַך זיך נאָענט־נעענטער באַקענען,
ביז צו געדענקען אויסווייניק די נעמען,
דעם שמייכל יעדנס אויסווייניק געדענקען,
און וויסן יעדנס טרוים און יעדנס בענקען.
צי עפּשער וועל איך מוזן, מוזן, דאַרפֿן
נאָך הײַנט באַנאַכט אין שלאַכט אַרײַן אײַך וואַרפֿן,
און נאָכדעם, נאָכן שלאַכט, נאָכן געוויטער,
אויב מיך וועט אויסמײַדן אַ קויל אָדער אַ שפּליטער,
ווי ווייטעקדיק כ׳וועל וועלן און ניט קענען
דערמאָנען ניט דעם שמייכל, ניט די נעמען
פֿון יענע, וועלכע וועלן דאָ שוין פֿעלן...

אָ, היימלאַנד, דײַנע הייליקע באַפֿעלן
כ׳האָב אויסגעפֿילט מיט האַרבקייט און מיט ליבע.
ווער ווייסט, אויב ניט אין אַזאַ נאַכט אַ טריבער,
פֿון אָסיענדיקע וועגן און פֿון בלאָטע
איז ערגעץ אין אַן אַנדער, אַנדער ראָטע,
אַן אַכצניאָריק און שוואַרצכייניק ייִנגל,
אַף מיר אײַנגאַנצן ענלעך און געראָטן,
געקומען אין אַ רעגע ניט קיין גרינגער,
געקומען אין אַ שווערער שאָ... געקומען...
און קיינער ווייסט ניט, ווו איז ער אַהינגעקומען...

1943—1945

איך טראָג אין הארצן טיף פארקריצט א נאָמען

אף אלע וועגן, שטעגן פון מילכאָמע
איך טראָג אין הארצן טיף פארקריצט א נאָמען,
א העכערן פון אלע מײַנע הייכן,
א טיפערן פון אלע מײַנע טהאָמען,
א ליכטיקן און זוניק העלן נאָמען,
וואָס שײַנט און ווארעמט מיך און טוט מיר לויכטן.
ער ברענט אין קאָפּ בא מיר און וואכט אין זינען,
ער נערט מײַן ליבע, און ער נערט מײַן סינע,
ער העלפט מיר, און ער ווײַזט פאָרויס צו שפאנען,
ער טרײַבט מיך אונטער, ווען כ׳בין אָפּגעשטאנען,
ער הייבט מיך, און ער מונטערט מיך און מוטיקט,
ווען כ׳פאל מיט פאָנעם צו דער ערד פארבלוטיקט,
און שטייט מיר בײַ אין אומגליק און אין נויטן,
און פירט מיך דורך דערוויַל דורך אלע טויטן.

אך, ליבע מײַנע, איינציקע דו איינע,
אנטשולדיק מיר, פארגיב מיר, ניט דיך מיין איך.
איך מיין ניט אויך, אנטשולדיק מיר, פארגיב מיר,
די בליִענדיקע צווײַג פון אונדזער ליבע,
וואָס איז מיט יוגנט־מוט אוועקגעטראָטן
נאָך מיר אף וועגן, שטעגן פון מילכאָמע,
און האָט אין שלאכט זײַן יונגן רויש צעשאָטן,
ניין, אויך ניט אים, איך מיין אויך ניט זײַן נאָמען,

כאָטש בלויז דערמאָנען אים — פארכאַפּט דער אָטעם,
א טרער אַף אויגן, ווי א טראָפּן טוי פאלט,
מײַן לעבן איז געווען אַף זײַנס געקייפּלט,
אַף זײַנס און דײַנס, מײַן טײַערע, מײַן ליבע...

אך, וויפל ליבע נעמען כ׳היפּער איבער
און נאָר צו איינעם כ׳וועגדע מײַנע ווערטער,
אָט די ביז איצט נאָך ניט ארויסגערעדטע:
ניט נאָר מײַן לעבן, אלע לעבנס מײַנע
דיר גיב איך אָפּ, דיר זאָלן זיי געהערן,
מײַן מוט און בלוט זאָל דיר פארעכנט ווערן.
און אויב באשערט מיר רום, זאָל דיר עס שײַנען,
דיר, ווען מען נאָמען כ׳טראָג פארקריצט אין הארצן,
אין ווען מען לעבן כ׳גלייב מיט פולן גלויבן,
מיט ווען מען גליק איך וויל נאָך זײַן דערהויבן,
און ווען מען רוף איך פאָלג —
מײַן פאָלק!

1943

סאָלדאַטישע פּיס

טראָגט מיך, טראָגט מיך, מײַנע מידע פּיס,
אָך, ווי שווער און ווי ביטער עס איז אײַך —
אויף מײַרעוו, אויף מײַרעוו גרײַפּט אָן מײַן האַרץ,
און איר מוזט מיך טראָגן אויף מיזרעך.

מיר טרעטן אָפּ. און מיר טרעטן אָפּ —
אונדזער זיג עפּשער וואַרט בא דער וואָלגע.
אין דעם גלייבט דאָס האַרץ, דאָס באַנעמט דער קאָפּ,
און איר מוזט בלינדערהייט פאָלגן.

אויף מײַרעוו, פאָרויס! ווי א ווונד, ווי א ריס
יעדער שפּאַן, וואָס אויף מיזרעך מיר שפּאַנען.
אָך, מײַנע מידע סאָלדאַטישע פּיס,
ניט פרעגט מיך ביז ווען און ביזוואַנען.

צי שפּאַנט איר פאָרויס, צי איר שפּאַנט צוריק, —
אַלציינס, דאָס האַרץ גרײַפּט אויף מײַרעוו.
נאָך ווײַט איז דער וועג, און ווײַט איז דער זיג,
קיין אָפּרו מע זעט ניט דערווײַל נאָך.

און ווען צו ניצאָכן מיר וועלן דערגיין,
דאַן וואָס איז דער אָפּרו איינגאַנצן?
סאָלדאַטישע פּיס דעמלט וועלן אליין
ניט רוען, נאָר זיכער גיין טאַנצן.

1942

אומהיימלעכע מילכאָמע

איך טראכט היינט וועגן אייך, סאָלדאַטן ווייטע,
פון קריגן, פון מילכאָמעס פון פארצייטן.
איר האָט געקאָנט דעם סוינע זען פון נאָענט
און מיט דער שפּיז זיין פינצטער הארץ דערלאנגען,
איר האָט א שלאכט באגינען אָנגעפאנגען
און זי געקאָנט פארענדיקן ביז אָוונט.
און נאָך געוואגטע, מונטערע אטאקעס
איר האָט געוווּסט פון אָפּרו אָף ביוואקעס;
בא פייערן בא פריילעכע און שייטערס,
מיט לידער וועגן פוסגייער און רייטער, —
די לידער זיינען ביז צו אונדז דערגאנגען.

נאָר אונדז איז שווער צום סוינעס הארץ דערלאנגען:
ס'באהאלט זיך אויס אין שוצגראָבנס, אין גריבער,
באשיצט מיט אייזן און מיט שטאָל פארהאנגען,
און זיבן טויטן פריער גיי אריבער,
ביז וועסט דערזען דעם סוינע פונדערווייטן.
און שלאכטן פלאקערן, און ס'שטורעמען אטאקעס
באטאָג, באנאכט, אָן אָפּרו, אָן ביוואַקעס,
און וואָכנווייז קיין פייער ניט, קיין שייטער
אָף צו דערוואַרעמען דעם גוף און די נעשאָמע —
אזא אומהיימלעכע מילכאָמע!

איז טראכט איך וועגן אייך, סאָלדאַטן ווייטע,
פון קריגן, פון מילכאָמעס פון פארצייטן.

צי זײַט איר אויך אזוי, ווי איך, געגאנגען
דורך שלאקסרעגן פון פלאם און פעך און שוועבל?
אזוי ווי איך, דאָס ציטעריקע לעבן
אף שטעכעדיקן דראָט ארופגעהאנגען,
און, פאלנדיק, ניט אופגעהערט צו שטרעבן,
כאָטש טויטערהייט דעם ראנד אריבערטרעטן,
דעם סוינע זאָל מײַן שרעקלאָזיקײַט פלעטן.
ער זאָל מיט שרעק דערשפירן און דערפילן
די קראפט די אומבאזיגטע פון מײַן ווילן.
ער זאָל מיט הארץ מיט גליווערדיקן מוזן
זיך בייגן פאר דער קראפט פון מײַן באוווסטזײַן.

סאָלדאטן ווײַטע פון מילכאָמעס אלטע,
אויב איר האָט אלץ אָט דאָס ניט אויסגעהאלטן,
ווי קאָנט איר דעמלט זיך מיט מיר פארמעסטן
אין העלדנמוט, אין טרײַהײַט און אין פעסטקײַט?!
און איר, סאָלדאטן, נאָענטע און ווײַטע,
פון קומענדיקע עפשער לעצטע שטרײַטן,
איך זע אײַך אונטער פאָן גערעכטער שפאנען,
מײַן פלאמיק הארץ איך שטרעק אײַך אויס פונדאנען,
און זאָל עס ווי א ליד צו אײַך דערגרייכן,
אין שלאכט,
וואָס די גערעכטיקײַט אליין האָט אָנגעצייכנט.

1943

קיינעמס ערד

צווישן אונדזערע און די דײַטשישע אָקאָפּעס
ליגט א שמאָלינק שטיקל קיינעמס ערד;
מיט א שטיקל קיינעמס ערד צוקאָפּנס
א סאָלדאט א טויטער ליגט און קלערט —
וועמען איצט געהערט די קיינעמס ערד?

וואָלט א טויטער קאָנען קלערן טאקע,
וואָלט ער דאָך באגלײַך מיט אונדז געוווּסט,
אז אין יענער נאכטיקער אטאקע,
ווען אים האָט געטראָפן גלײַך אין ברוסט,
מיר האָבן צוריקציִען געמוזט.

איז די קיינעמס ערד געבליבן קיינעמס.
זעקס אטאקעס — און ניט אָפּגעגליקט,
נאָר דער טויט דאָרט נישטערט אום אין שכיינעס,
נאָר דער ווינט די ווילדע גראָזן וויגט,
און דער טויטער שוין א וואָך דאָרט ליגט.

ענדע נאכט, עס קומט די פּאָטשט אין ראָטע,
יעדערער מיט פרייד זײַן בריוול נעמט —
ליי׳נען ליי׳נט מען מיט פארכאפּטן אָטעם,
נאָר דאָס הארץ בא יעדערן פארקלעמט:
איין א בריוו געבליבן איז פארשעמט.

ווער האָט דעם פארשעמטן בריוו געשריבן?
ווער האָט אים פארכאסמעט מיט א טרער?
אָפּגעשיקט מיט האָפענונג און ליבע
אָט דעם בריוו, וואָס שוין ניט אָנקומען וועט ער
צום סאָלדאט, וואָס דאַרט אַף קיינעמס ערד.

ליגט און ליגט דער בריוו א טאָג א לאנגן,
שוין פון יעדנס בליק באַדויערט שטיל,
שוין פון האנט צו האנט אדורכגעגאנגען...
און אין הארץ וואקסט אויס אזא געפיל,
אז דאָס הארץ ארויסשרײַען עס וויל:

צו דער לעצטער, זיבעטער אטאקע
הייב שוין אוף מיך, גרויזאמער באפעל,
איך וועל הײַנט דורך פײַער און דורך פלאקער
זי אריבערשפאנען הײַנט איך וועל,
פון דער קיינעמס ערד די טויטע שוועל...

וואָס איז קלאנג פון שאלנדיקן האָרן,
וואָס איז שרעק, וואָס שטעקט אין מויעך טיף,
קעגן טראָפּן ברויזנדיקן צאָרן,
וואָס האָט דאָ צום הארצן צוגעטריפט
פון פארשעמטן, ניט געלייענטן בריוו.

אונטער ווײַטע, אונטער קאלטע שטערן
ליגט פארטײַעט א מילכאָמע־נאכט,
ביז א שאָס רײַסט אוף איר די געדערים,
ביז דער ערשטער אופרײַס זי צעקראכט, —
אונדזער ראָטע ווידער גייט אין שלאכט.

דער, וואָס גייט אַף בײַשטיין אָדער פאלן,
טראכט דען וועגן העלדישקײַט און רום...
וועגן טויטן טראכטן עפּשער אלע,
כאָטש אַף אים מע קוקט זיך ניט ארום.
ער באגלייט אונדז, ווי א טויטער, שטום.

וואָלט א טויטער קאָנען קלערן טאקע,
וואָלט ער איצט באַגלײַך מיט אונדז געוווּסט,
אז די לעצטע, זיבעטע אטאקע
האָט זיך הײַנט אונדז אײַנגעגעבן גוט —
ניט אומזיסט פארגאָסן איז זײַן בלוט.

1945—1942

דער קאַשעוואַר ציילט די פּאַרלוסטן

א גאַנצע נאַכט געדויערט די אַטאַקע,
א ראָטע נאָך א ראָטע גייט אין שלאַכט,
און דאַרט ניט ווײַט א פרישטיק א געשמאַקן
עס קאָכט דער קאַשעוואַר א גאַנצע נאַכט.

ווי נאָר פון קעסל גיט א זעץ א פּאַרע,
כאָטש ס'האַלט נאָך ניט בא טאָגן אַזוי גיך,
ער אײַלט זיך צו דאָס פײַער צו פאַרשאַרן,
און אײַליק נעמט ער אײַנשפּאַנען די קיך.

דעם פרישטיק, א געשמאַקן און א הייסן,
ער ברענגט דורך שטעג באַהאַלטענעם אהין,
וווּ ערשט ניט לאַנג האָט זיך די ערד געטרייסלט
און וווּ די שלאַכט איז אײַנגעשטילט אַצינד.

און שטייט, און וואַרט, און קוקט אַרויס א גרייטער
מעכײַע זײַן די פרײַנט מיט זײַן געקעכטס —
עס גייט צום קעסל איין סאָלדאַט, א צווייטער,
פון לינקס קומט איינער, איינער קומט פון רעכטס.

נאָר ווינציק, ווינציק קומען הײַנט צום עסן...
מיט זאָרג און אומרו, קוקנדיק אף זיי,
עס טראַכט דער קאַשעוואַר:
— אַזאַ געדיכטקײַט אינעם קעסל,
און שיטער איז אַזוי די ריי...

ער גיסט אָן יעדערן מיט האַנט מיט ברייטער,
און אָנגיסן א צווייט מאָל איז ער גרייט.
נאָר ס׳צאַנקט די ריי, ער זעט, די ריי צעגייט אים,
און פון די ראָטעס קיינער מער ניט גייט.

און קוקנדיק, ווי ס׳וויל ניט ווערן פוסטער
דער קעסל, וווּ דער פרישטיק ווערט שוין קאַלט,
דער קאַשעוואַר ציילט די באַנאַכטיקע פאַרלוסטן,
און פון זײַן אויג א טרער אין קעסל פאַלט.

1948

מארוסיע קאָגוט

ווײַט, ווײַט אונטער היימישער זון דאָרט
לעבט א מיידל מארוסיע קאָגוט.
איך ליג אפן שניי דאָ פארוווּנדעט,
און ס׳טריפט פון מײַן וווּנד איר בלוט.

ערשט צוריק מיט עטלעכע וואָכן
מע האָט עס אריבערגעגאָסן מיר,
ווען איך בין געלעגן צעבראָכן
פון שלאכט, וואָס איז דורך איבער מיר.

אן אלטינקער דאָקטער דערנעבן
האָט אין מיר זיך אײַנגעקוקט הארב.
און פלוצלינג א שמייכל געגעבן —
מײַן פאָנעם באקומען האָט פארב.

ווי ריטשקעלעך פלינקע און דינע,
איבער אייוורים בא מיר אזוי גוט
א ווארעמקייט איז זיך צערונען
פון בלוט דײַנס, מארוסיע קאָגוט.

דערנאָכדעם דורך שלאָף און דורך דויער,
דורך מונטערן אופוואך געפילט,
דײַן יונגער, זאפטיקער קויעך
מיט לעבן אין מיר זיך צעשפילט.

פאר אונדזער גערעכטער מילכאָמע
א הארץ מוזסטו האָבן א דרייסט,
ניט וויסנדיק מער ווי דײַן נאָמען,
איך האָב דאָס געפילט אזוי הייס,

ווען ווידער אין שלאכט כ׳בין געגאנגען,
און ס׳האָט צו מײַן הארצן דײַן בלוט
געשטראָמט און באמיט זיך דערלאנגען
מיט פרישער געוואגטקײַט און מוט.

אָ, ברוינער פארשאָלטענער סוינע,
ווי האָט ער גאָר בײַשטיין געטראכט
אנטקעגן פארצווייפאכטן קויעך,
מיט וועלכן מיר גייען אין שלאכט.

און טאַקע ניט בײַגעשטאנען...
מארוסיע, איך וואָלט דיר געזאָגט,
ווי ווײַט שוין, ווי ווײַט שוין פונדאנען
דעם סוינע מע טרײַבט און מע יאָגט.

נאָר מיך האָט א קויל אָפּגעזונדערט
פון שלאכט אין דער הייסטער מינוט.
און כ׳ליג אפן שניי דאָ פארוווּנדעט,
און ס׳טריפט פון מײַן ווונד דײַן בלוט.

מיר טוט אזוי באנק יעדער טראָפּן,
וואָס לעשט זיך אין שניי, ווי א פונק,
מיט פרירנדע פינגער פארשטאָפּן
איך פּרוּוו זיך די אָפענע ווונד.

און ס׳דרייט זיך, און וויכערט, און שווינדלט
דאָס פעלד אין א פינצטערער שפּיל;
און כ׳ווייס ניט, צי רוף איך אצינדערט,
צי פריִער גערופן צו הילף.

און עפּעס אַ מיידל, מאַרוסיע,
בייגט אָן איבער מיר זיך דאָ צאַרט.
מאַרוסיע, אַ גרוס איר, אַ גרוס איר
פון אונדזער פאַרוווּנדעטן האַרץ.

1948

ליבע צו ווײַב און צו קינד

ליבע צו ווײַב און צו קינד —
א ווארעמקײַט טריפט אזא רײַפּע,
זי מאכט מיך אי מילדער אי שטײַפער —
ליבע צו ווײַב און צו קינד.

ווי קומסטו אין זין מיר אצינד,
ווי קומסטו אצינד מיר אין הארצן,
אף ברענענדיק שלאכטפעלד אף שווארצן —
ליבע צו ווײַב און צו קינד.

צעבושעוועט פײַער און ווינט
מיך דריקן צו דר'ערד, צו דער הייסער,
נאָר אופשטיין באפעלט מיר און הייסט מיר
ליבע צו ווײַב און צו קינד.

אָ, סוינע, צערין און פארשווינד,
איך גיי אף דיר, ברוינער געוויטער,
מיט מוט און מיט קויעך, וואָס גיט מיר
ליבע צו ווײַב און צו קינד.

ליבע צו ווײַב און צו קינד —
א קוואל אזא ריינער און פרײַער,

א קראַפּט אַזאַ פּעסטע און טרײַע
אין גרויסן מײַן הײמלאַנדס געזינד...
ליבע צו ווײַב און צו קינד.

1944

יוניק

אינעם פלאָנטער פון פראָנטישע וועגן
איז א ייִנגל פארלאָרן געגאנגען.
ווו איך גיי, ווו איך קום, ווילט זיך פרעגן,
צי איז ער ניט פארביַי דאָ געגאנגען.

א שווארצכיינעוודיקער און א שטאלטנער,
מיט א ליכטיקן בליק אזא פעסטן,
אין וועלכן די יוגנט באהאלט ניט
דעם מוט, וואָס אין הארצן זיך נעסטעט.

אינעם זומער פון מײַנע יאָרן,
ווען אין הארץ איז געוועון אזוי זוניק,
זײַן מוטער האָט מיר אים געבאָרן
און א נאָמען געגעבן אים יוניק.

און דער איינציקער, אָט דער נאָמען
מיט די זוניקע, יוניקע קלאנגען,
איז אין פלאָנטער פון גרויסער מילכאָמע
אצינדערט פארלאָרן געגאנגען.

וועל איך פרעגן באם שטויב אף די וועגן,
צי זײַן פוס האָט דאָ ניט געטראָטן,
און באם ווינט, וואָס יאָגט אָן מיר אנטקעגן,
צי האָט ער ניט געשפּירט דאָ זײַן אָטעם.

און באַם אַש פֿון פֿאַרלאָשענע שײַטערס
און באַם לײמיקן גריבל מיט וואַסער
וועל איך זוכן אַ קלאַנג כאָטש אַ ווײַטן,
וועל איך זוכן אַ שפּור כאָטש אַ בלאַסן.

און באַם בערגעלע ערד צווישן וועגן,
וווּ מײַן האַרץ מיטאַמאָל אַ שטיק ווײ ווערט,
וועל איך אָפּשטעלן זיך און וועל פֿרעגן,
צי ס׳איז ניט זײַן סאָלדאַטישער קייווער.

די מוטער ראָכל

מײַן מוטער ראָכל איז פון הויז ארויסגעגאן,
פון אלטן הויז אין קיִעוו אף טשומאצקי,
ווו זי האָט אָפּגעלעבט א לעבן לאנג —
אריבער זעכציק יאָר פון אירע אכציק.
דאָ האָט זי קינדער אויסגעהאָדעוועט אין נויט,
דאָ האָט זי אייניקלעך אין פרייד דערצויגן,
צעצווײַגטער ווי די קנייטשן אף איר הויט
איר לעבנס־בוים — אָט שטייט ער פאר די אויגן,
אין באָדן אײַנגעוואָרצלט אזוי שיין,
מיט יאָרן אָנגעזעטיקט און צופרידן...

...איצט האָט מען איר געהייסן גיין
צום באבי־יאר, באגלײַך מיט אלע ייִדן...

דער אלטער טויער פונעם אלטן הויז
איז הינטער איר פארהאקט שוין און פארשלאָגן.
וואָלט זי געגאנגען מיט דער גאס פאָרויס,
נאָר ס׳ווילן זי די אלטע פיס ניט טראָגן.
איז זי געבליבן שטיין באם ערשטן ראָג
און זיך ארומגעקוקט אזוי פארוווּנדערט —
באקאנט איז יעדע שטוב און יעדער שטאָק,
פארוואָס זשע קוקן זיי איצט פרעמד און אָפּגעזונדערט?
די פענצטער, ווי מיט פינצטערניש פארקלעפּט,
קיין היימלעכקײַט עס שײַנט ניט פון קיין איינעם.

א האלבע גאס פארנעמען דאָ די טרעפּ
פון אלטן פלאַץ, וואָס ליגט אָט דאָ אין שכיינעס.
אָף אָט די ברייטע טרעפּ עס פלעגט אמאָל
דאָס לעבן רוישן, ווי א וועל א פריַיע,
דאָ פלעגן סימכעס זינגען אָף א קאָל,
דאָ פלעגט מען דורכטראָגן דעם טרויער פון לעוויַיעס.
דאָ האָבן די יאָמטויווים פרייד געשעפּט,
דאָ האָבן וואָכעדיק געזוישט די אינדערוואָכנס,
און צו די שטיינער פון די אלטע טרעפּ
איז צוגעפאלן איצט די מוטער ראָכל.

ווער זאָגט, אז שטיינער האָבן ניט קיין הארץ,
אז שטיינער וויסן ניט פון בייזן און פון גוטן...
ווי פריַינטלעך, ווי ראכמאָנעסדיק און צארט
די שטיינער האָבן אויסגעשפּרייט זיך פאר דער מוטער.
די ווארעמקיַיט, וואָס עס פארמאָגט א שטיין,
זיי וואָלטן אָפּגעגעבן איר צופרידן —
דער אלטער מוטער, וואָס איז דאָ אליין
געבליבן פון א גאנצער שטאָט מיט יידן,
א שטאָט א גאנצע איז אהין אוועק,
אהינצו... און פון דאָרטן קומט ניט קיינער,
נאָר אָפּהילכן פון שוידער און פון שרעק
עס הייבן אָן דערגיין שוין צו די שטיינער.
א פויגל פליט דערשראָקן דורך די גאס,
אין פוסטער לופט עס שליַיכט אדורך א שאָטן...
ווהין אנטלויפסטו, שאָטן, אזוי האסט,
פונוואנען פליסטו, פויגל, אָן אן אָטעם?
וואָס איז אזוינס געשען דאָרט אָף דער ערד,
אין יענעם שוידערלעכן טאָל פון קיִעוו?
זי הערט, די מוטער ראָכל, און זי הערט,
און ס׳טריפט א טרער אָף אירע אלטע וויִעס.
א ווינט לויפט אָן און קוקט אָף איר זיך אום,
און וויל איר אָפּווישן די טרער די קארגע,
נאָר טראָגט אוועק זיך וויַיטער מיט געברום:

מע הארגעט דאָרט,
מע הארגעט...

מיט וועלכע מאָסן אויסמעסטן, ווי לאנג
די מוטער איז דאָ אף די טרעפּ געזעסן,
עס האָט זיך שוין געפּלאָנטערט אין געדאנק —
א שאָ, א טאָג, צי עטלעכע מעס‌ְלעסן...
די שײַן פון טאָג, די פינצטערניש פון נאכט
האָט זיך ווי אויסגעמישט פאר אירע אויגן,
און נאָר דער אלטער מויעך האָט געוואכט
אין קאָפּ, וואָס האָט זיך שלעפעריק געבויגן.
דער מויעך וואכט און פרעגט: אויב דאָס איז וואָר,
איז וואָס איז דעמלט וויסטער, בייזער כאָלעם?
און אויב עס איז א וויסטער כאָלעם נאָר,
באדארף א סאָף דאָך האָבן אויך א כאָלעם!
נאָר ס׳נעמט קיין סאָף ניט, און עס הערט ניט אוף
אינמיטן טאָג די פינצטערניש די שווארצע...
די מוטער עפנט אירע אויגן אוף
און זעט פאר זיך א לאכנדיקן פּארצעף...

ניט איין מאָל האָט איר זקיינישער געדאנק
זי צוגעגרייט אף ערנסט און קאטאָוועס
צו לעצטער שאָ, וואָס יעדן מענטש באלאנגט —
צו דעם באגעגענען דעם מאלכאמאָוועס.
נאָר זי האָט אף איר אויפן דאָס געטײַטשט
און זיך ניט פאָרגעשטעלט און ניט באנומען,
אז אינעם אויסזען פון א לאכנדיקן דײַטש
עס קאָן דער מאלכאמאָוועס צו איר קומען.
און אָט איז ער מיט הויט, און פלייש, און ביין,
מיט פויסטן, וואָס פאר אירע אויגן שווינדלען,
און זי דערזעט שוין ניט נאָר אים אליין,
נאָר מאלכאמאָוועסן א גאנץ געזינדל.
זיי שטייען ארום איר און איבער איר
מיט אזא אָפּגעפרעסענעם געלעכטער,

און מיטן שטיוול זי א לײַכטן ריר,
א לײַכטן שטויס אין לינקער זײַט, אין רעכטער...
נאָר ניט אזוי דער שטויס אף שוואכן גוף,
ווי אף איר וואכנדיקן מויעך פאלן
די ווערטער זייערע:
„נו, הייב זיך אוף!
גענוג, האָסט שוין אריבערגעלעבט אלע...״
און שטארקער זיך צעלאכט און ווארטן אויס,
וואָס וועט זי ענטפערן, אוועלכע ווערטער,
אוועלכע קלאָלע קלײַבט זי פאר זיי אויס,
זיי ווארטן, קוויקנדיק זיך פון געלעכטער.

אין אָט דער רעגע וווּנדערלעך, ווי קלאָר
עס האָבן דורכגעשוועבט אין איר זיקאָרן
די שענסטע טעג פון אירע אכציק יאָר,
פון גרויסן לעבן אירע בעסטע יאָרן.
די קינדער, וואָס זײַנען געוואקסן בא איר שויס,
די אייניקלעך, וואָס זי האָט זיי דערצויגן.
זיי זײַנען קליין געווען, געוואָרן גרויס,
און זײַנען אלע זיך פון איר צעפלויגן.
ניט זי — זיי האָבן זי פון זיך אנטוויינט,
אוועקלאָזנדיק זיך אין וועלט אין ברייטער.
ניט איין געזעגעניש האָט זי באוויינט,
און אָפּגעזיפצט האָט זי ניט איין באגלייטונג.
אָך, נאָר דאָס הארץ דאָס אכציקיאָריק ווייסט,
ווי דאָס האָט זי געבויגן און געבראָכן,
נאָר איצט איז זייער ווײַטקײַט גאָר א טרייסט,
אצינד איז זייער ווײַטקײַט גאָר א בראָכע.
אן אורייניקל האָט זי זיך דערוואַרט,
אים אויסגעניאנטשעט אף די הענט די אלטע,
און אים שוין אויך דערלעבט צו זען — א גוואר,
א דעמבל אזא שיינס און אזא שטאלטנע.
און ערשט ניט לאנג איז ער געווען צוגאסט,
און ס׳אלטע הארץ פון נאכעס איז געוואקסן,

ווי שיין עס קליידט אים און ווי שיין עס פּאסט
די לייטענאנטישע שינעל
אָף זײַנע אקסלען.
איר ייִנגסטע צווײַג, איר ליבסטע צווײַג זי זעט,
און פון די טרעפּ עס גיט א הייב זי ראשיק.
א טראכט געטאָן צי עפּשער אויסגערעדט:
— א דאנק צו גאָט, וואָס דו ביסט דאָרט, אבראשע...

זיי האָבן דאָס נאָך ניט באנומען גוט,
וואָס האָט זי דאָ אזוינס ארויסגעשטאמלט...
נאָר פּונקט, ווי ס׳וואָלט געטראָפן זיי אין בלוט,
זיי האָבן בייז אָף איר א הוק געטאָן אזא מין,
און שטאַרקער מיטן שטיוול זי א שטויס,
שוין מער ניט לאכנדיק און ניט געוויצלט...
נאָר איצט די מוטער ראָכל אירע הענט שטרעקט אויס
און גיט מיט האס אין זיי א טײַטל:
— היצלעס!
נו הארגעט מיך, ס׳טוט מיר אפילע ניט וויי,
וואָס נאָך קענט איר טאָן, אז עס טוט מיר ניט וויי,
דאנק גאָט, מײַנע קינדער אין רויטער ארמיי,
דאנק גאָט, איך באדארף דאָך ניט וויינען אָף זיי,
די זין מײַנע זײַנען אין רויטער ארמיי,
און אייניקלעך האָב איך אין רויטער ארמיי...
נישקאָשע, זי לעבט נאָך, די רויטע ארמיי...

אוואדע איז דער טויט געווען שוין גרייט
אין אָט דער רעגע איר דאָס מויל פארשליסן,
נאָר אָף דער גאס האָט טומלדיק און ברייט
נאָך איין בייזוווּנדער זיך ארײַנגעריסן.
א סווישטשערײַ, און אין דער לופט א שאָס,
און א מעהומע פון אן אנדער זײַט שוין —
א רוסישן געפאנגענעם מאטראָס
געטריבן האָט א צווייטע כאָפּטע דײַטשן...

— מאטראָס, מאטראָס, ווי גרויס געמוזט האָט זײַן
דער בראָך, וואָס האָט דיך ניט געוואָלט הײַנט שוינען
און לעבעדיקערהייט אַף שאנד און פּײַן
דיך אָפּגעגעבן אין די הענט פון סוינע.
צי דען ניט דו, אַף לעצטן שפּאַן פון ברעג
צום דניעפּער צוגעשפּאַרט — ניט אָפּצוטרעטן,
האָסט זיך געשלאָגן מיט אַזויפיל שלעק,
געשלאָגן זיך אַף טויט און ניט אַף רעטונג.
דאָס הײַפּעלע כאַווײרים, וואָס מיט דיר
צוזאמען דאָרטן האָבן זיך געראַנגלט,
זיי זײַנען גליקלעכער געווען פון דיר,
זיי איז דער טויט דאָרט ניט פארבײַגעגאַנגען.
פאר זייער מוט האָט ער זיי יעדערן געטאָן א גלעט,
אויך דיך האָט ער באַדאַרפט דעם זעלבן גלעט טאָן,
נאָר דו ביסט גראָד געלעגן שוין געפּלעט...

און ס'האָט דער סוינע אים גענומען א געפּלעטן.
און שוידערלעכער פונעם טויט אליין
געווען איז פון זײַן אופוואכונג די רעגע,
און שוידערלעך איז איצט געווען דאָס גיין
דעם שוידערלעכסטן וועג פון אלע וועגן.
דורך שטאָט פארכאלעשטער, דורך טויטער גאַס,
אליין אין קלעם פון דײַטשן, דײַטשן, דײַטשן...
אליין מיט הארץ, וואָס ווערט צעשפּארט פון האַס,
אליין מיט הענט, וואָס האָבן אָפּגעשטרײַט שוין...
ניין, נאָך ניט אָפּגעשטרײַט האָבן די הענט,
ער פּרוווט זיי נאָך צונויפדריקן אין פויסטן,
אין טויערן פארהאַקטע און אין ווענט
מיט שטומען בליק ער פּרוווט זיך נאָך א שטויס טאָן,
אהינטער יעדער וואַנט אָט דאָ ארום
אוואדע האָט זיך דאָך א הארץ פארטײַעט,
אָן אייגן הארץ, וואָס ווייטעקט אויך איצט שטום,
וואָס זעט געוויס זײַן פּײַן, זײַן האַס, זײַן טרײַהײַט...
ער זוכט א קאָל, וואָס האָט זיך דאָרט פארשטיקט,

א קלאנג ער זוכט א מוטיקן, כאָטש איינעם,
ער זוכט מיט האַרץ, ער זוכט מיט שטומען בליק,
און ער דערזעט די מוטער אף די שטיינער...

אָן אינדזעלע א קליינס פון ווידערשטאַנד!
אָט נאָך א ווינקעלע פון מוט און ווערדע!
ווי גרויזאַם זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט
אַנטקעגן אירע פּײַניקער און מערדער!
מיט אָטעם מיט פאַרכאַפּטן דער מאַטראָס
דערהערט איר שרעקלאָזע און הייסע קלאָלע:
„עס גייט, עס קומט אף אײַך א בראָך!
איר וועט נאָך האָבן די מאַפּאָלע!
זי לעבט, די רויטע אַרמיִע,
זי לעבט!"

א שטיוול האָט א שווער געטאָן מיט גרויל,
א דײַטשישער געקאָוועטער שטיוואַלע,
נאָר פון דער מוטערס אופגעבלוטיקט מויל
א לעצט געשריי איז נאָך אַראָפּגעפאַלן:
„זי לעבט,
זי לעבט,
זי וועט זיך נויקעם זײַן!
קום, קום, מײַן קינד, זײַ נויקעם זיך, אַבראַשע!.."

און צו איר שטאַרבנדיקן האַרץ איז נאָך דערגאַן
א מוטיקער געשריי:
„איך הער, מאַמאַשע!.."

און ניט דערגאַן איז שוין צו איר דער שאָס,
וואָס האָט זיי ביידע בלוטיק אײַנגעבראָכן —
דעם רוסישן, דעם העלדישן מאַטראָס,
די מוטיקע, די אַלטע מוטער ראָכל.

1948

אונדזער מוזע

ווען עס האָבן גערעדט האַרמאַטן,
אונדזער מוזע איז דעמלט געגאַנגען —
אַ סאָלדאַט אין דער ריי מיט סאָלדאַטן,
אַ סאָלדאַט מיט ביקס און געזאַנגען.

איבער וועגן פאַרפּײַניקטע, מידע,
איבער פעלדער אין העלישע פלאַמען
געגאַן און געפאַלן און ווידער
זיך אופגעהויבן צום שפּאַנען.

ווו מיט בלוט מיט סאָלדאַטיש דער באָדן
און די לופט דורכגעשווייסט און פול ווערט,
די הערצער האָט זי אָנגעלאָדן
מיט מוט, וואָס איז שטאַרקער פון פולווער.

און ליבע געטרײַע, באַזינטע,
סאָלדאַטישע ליבע פאַרבענקטע,
אין שוידער פון פײַער און ווינטן
זי האָט ניט געלאָזן פאַרשווענקען.

אַ סאָלדאַט אין דער ריי מיט סאָלדאַטן,
געגאַן, ווען באַהעלט, ווען באַשאָטנט,
מיט האַס צו דעם סוינע געפלאַטערט,
מיט ליבע צו היימלאַנד געאָטעמט.

און פאר געפאלענע מיט באדויערן
אויסגעשפרייט האָט זי איר אָרעם,
און האָט ווי א מוטער געטרויערט
אף פרישע סאָלדאטישע קוואָרים.

מיט אונדז אין די ווייען און בראָכן,
מיט אונדז אין פארביטערט גערανגל,
מיט אונדז אינעם טאָג פון ניצאָכן
א סאָלדאט מיט ביקס און געזאנגען.

1948

שמועל ראָסין

וואָס געווען־געשען אין יענעם אָסיען,
מיר איז אויסגעפאלן צו דערציילן.
הייב איך אָן פון דיר די ווונדן ציילן,
כאווער מײַנער, דיכטער שמועל ראָסין.

כ׳זע א פעלד צעווישן טויט און לעבן,
און א מענטש מיט ביקס מיט אָנגעשפּיצטער
טראָגט אין ווינט דאָס פלעמל פון זײַן לעבן —
קאָפּ און הארץ מיט גאָרנישט ניט באשיצטע.

אך, ווי גראָד און גלײַך דו ביסט דערגאנגען
צו דעם פעלד פון אונדזער וויי און ערע,
דורך די וועגן, וועלכע טרײַ און ערלעך
דו האָסט אויסגעפלאסטערט מיט געזאנגען.

דײַנע ווערטער גרויזאמע און פּראָסטע:
„ווען די גרויסע שטורעם־שאָ וועט שלאָגן,
כ׳זאָל ווי דו זיך, אָשער, שלאָגן” —
ווי זיי זײַנען איצט דיר אָנגעמאָסטן.

כ׳זע דאָס פעלד פון אופרײַסן דערשיטערט,
פון דער ערד ביז הימל א געקנאל גייט,
און דו ביסט דער ציל פאר קויל און שפּליטער,
כאווער מײַנער, פאל ניט, פאל ניט.

מיר האָבן מיט דיר נאָך ניט דערדיכטעט,
ניט דערזונגען נאָך די ליד די גרויסע
וועגן דאָר פון בויער און פון דיכטער —
אונדזער דאָר דעם העלדישן און גרויסן.

אויך די ליד פון אָט די גרויסע בראָכן
מירן דארפן זינגען דאָך אין פריידן,
אינעם טאָג פון ליכטיקן ניצאָכן,
וועלכער ווערט געבאָרן איצט איןליידן.

וואָס זשע נייגסטו, וואָס זשע בייגסטו זיך א מידער,
וואָס זשע פאלסטו צו דער ערד מיט פּאָנעם...
אך, אין סאמע, סאמע נעסט פון לידער —
גלײַך אין הארץ די קויל... געגנוג, איך קאָן ניט...

וואָס געוועזן־געשען אין יענעם אָסיען,
צו דערציילן מיר איז אויסגעפאלן,
כאָווער מײַנער, דיכטער מײַנער ראָסין,
ווי דו פעלסט מיר, ווי דו פעלסט אונדז אלע.

אָשער שווארצמאַן

האָט איר באטייליקט זיך אין יענעם שלאכט
בא קאָראָסטען... אין אווגוסט ניַינצן־ניַינצן?
און איר זיַיט דער, ווער ס'האָט דעם גרוס געבראכט,
אז דאָרט איז אומגעקומען אָשער שווארצמאַן?

געזען אים עפשער דאָרט צום לעצטן מאָל?
איר זאָגט: איר האָט געקענט אים, פריַינט געווען דאָרט,
זיַין אויסזען איר געדענקט און אויך זיַין קאָל,
ווי איר וואָלט נעכטן ערשט געזען אים ניט געענדערט.

יאָ, יאָ, א הויכער יונג. א גוואר. א דעמב.
א בליק אן אָפענער, אן אָנגעשטרענגטער,
דורך וועלכן אָפט א שמייכל גיט א בלענד...
יאָ, ריכטיק, פונקט אזא — ווי איר געדענקט אים.

צוויי לאנגע הענט צעשפרייט ער שטענדיק פעסט,
די וועלט ארומנעמען ווי ער וואָלט וועלן...
האָט איר דאָרט אויך בא אים באמערקט דעם זשעסט,
וואָס אונדז, כאוויירים זיַינע, פלעגט אזוי געפעלן?

דערציילט זשע מיר, איך בעט איַיך, וואָס איר ווייסט,
אלץ, אלץ, וואָס וועגן אים און אויך ארום אים,
איר זאָגט, ער איז געווען געוואגט און דרייסט,
אין שלאכט צו זען אים איז איַיך אויסגעקומען?

א שלאנקער רײַטער אין זײַן זאָטל אײַנגעפּאַסט,
פאַרכאַפּט און אימפּעטדיק ער טראָגט זיך אין אטאַקע...
פון יענע קריגער אונדזערע, פאַר װעלכע אַזוי האַסט
געלאָפן זײַנען דעמלטן די װײַס־פּאָליאַקן...

יאָ, יאָ, װי איר דערציילט, אַזאַ איז ער געװען,
א גוטער קריגער, א געשיקטער רײַטער.
איך שטעל זיך פאָר זײַן פרײלעכקײַט, זײַן ברען
אף די ביװאַקעס בײַ די אָװנטיקע שײַטערס.

כאַװײרים האָבן דאָרט אים ליב האָבן געמוזט
פאַר פרײלעכקײַט, פאַר מונטערקײַט פאַר גרויסער,
אַז ער איז א פּאָעט, האָט איר געװוּסט,
צי דאָס האָט איר זיך דאָרט ניט אָנגעשטויסן?

א טאָג צי צװײ פאַר דעם, װי אפן פראָנט
ער איז פון אונדז אַװעקגעפאָרן,
האָט ער אין אַזאַ װוּילער ליד דערמאָנט
זײַן פערד זײַן זעלנעריש פון די מילכאָמע־יאָרן.

און מיר האָבן געזען פאַר זיך דאָס פערד
און אפן פערד דעם רײַטער אָשער שװאַרצמאַן...
דערנאָך מיר האָבן אים שוין ניט געזען מער,
ער איז אַװעק אפן ריינסטן רוף פון האַרצן.

און זיך ניט אומגעקערט דער דיכטער און סאָלדאַט...
און פינף און צװאַנציק יאָר איז שוין פון דאַן אַריבער.
דער אָרדען אײַערער... איר זאָגט: פאַר סטאַלינגראַד...
װי העלדישקײַט מיט העלדישקײַט הײַנט רופט זיך איבער...

1944—1938

ניקאנאָר איוואַניטש

זיבן מאָל צום גוטן איך דערמאָן איצט
מײַן פעלדפעבל ניקאנאָר איוואַניטש.

אין סיבירער דריטן פּאָלק אין אלטן
האָט ער מיך א ביקס געלערנט האלטן,
מיך געלערנט שטרענג און אויסגערעכנט
מיטן שטיק צו פעכטן און צו שטעכן,
מיט „הורא"־געשריי זיך ווארפן אין אטאקע.

אך, ווי מיר איז דאָס צוניץ געקומען טאקע
אין אָקטיאבער־נאכט פון איין און פערציק,
ווען מיר האָבן בא דעם דאָרף פּאָווערצי
פון ארומרינגלונג זיך דורכגעריסן.

ווייל צו דעם, וואָס האָט געקאָנט גוט שיסן,
ווייל צו דעם, וואָס האָט מיט שטיק מיט שארפן
אין אטאקע פלינק געקאָנט זיך ווארפן,
כאָטש געווען איז אונדז, פארשטייט זיך, שווערלעך...

מיר האָט אויך מײַן שטיק געדינט דאָרט ערלעך,
ערלעך מיר געדינט דאָרט און מיט ערע;
דעם פארהאסטן דײַטש — אין בויך, אין די געדערים.
גוט האָב איך אין יענער שלאכט געשטאָכן,
זיך א וועג צום לעבן דורכגעבראָכן.

אָט פאַרוואָס צום גוטן איך דערמאָן איצט
מײַן פעלדפעבל ניקאַנאָר איוואַניטש.

אין סיבירער דריטן פּאָלק אין אלטן
האָט ער מיך אַ ביקס געלערנט האַלטן,
מיך געלערנט שטרענג און אויסגערעכנט
מיטן שטיק צו פעכטן און צו שטעכן.
מיט „הוראַ", אָן וואַקל און אָן מוירע,
דרײַסיק יאָר — און איך געדענק זײַן טוירע.
און מיט דאַנק דעם רעבן איך דערמאָן איצט —
מײַן פעלדפעבל ניקאַנאָר איוואַניטש!

1945

אף מײַרעװ א צוג און אף מיזרעך א צוג

אף מײַרעװ א צוג
און אף מיזרעך א צוג,
און איך בין אינמיטן
דעם װיפּלטן טאָג.
באַגעגנט, צעזעגנט —
און װײַטער אין װעג —
אף מײַרעװ אװעק
און אף מיזרעך אװעק.

אף מיזרעך — א גרוס דאָרט
גיט איבער, איך בעט,
מײַן הויפּטשטאָט, מײַן מאָסקװע —
דער ליבסטער פון שטעט.
איך שיק װי א זון איר
א גרוס און א קוש,
די שטערן פון קרעמל
א גרוס דאָרט, א גרוס!

אף מײַרעװ, אף מײַרעװ
גערירט האָט מײַן צוג,
אין נאכט כ׳האָב פון פענצטער
געװאָרפן א קוק.
זיי האָבן געשײַנט מיר
נאָך װײַט און נאָך לאנג

און טרײַהײַט פֿאַרזאָגט מיר
און ליבע פֿאַרלאַנגט.
אויף מיזרעך, אויף מיזרעך —
ווער פֿאָרט און ווער גייט,
א גרויס יענעם מיידל,
וואָס האָט מיך באַגלייט,
מיט איר זיך צעשיידן
געוועזן איז מיר שווער,
און דאַכט זיך, זי אויך
האָט פֿאַרלאָרן א טרער.

איר בליק דער פֿאַרטרערטער
באַגלייט מיך און רופֿט,
ווי לאַנג נאָך איר האַנט
האָט געפֿאָכט אין דער לופֿט,
און ליבע פֿאַרזאָגט מיר
און טרײַהײַט פֿאַרזאָגט.
אויף מײַרעוו, אויף מײַרעוו
דער צוג איצט מיך טראָגט.

וויש אָפּ, מײַן געליבטע,
די טרער פֿון דײַן בליק,
מײַן היימלאַנד, מײַן היימלאַנד
אויף מײַרעוו מיך שיקט.
אין פֿלאַם איז מײַן מײַרעוו,
מײַן מיזרעך — ער וואַכט.
כ׳וועל טרײַ זײַן אין ליבע,
כ׳וועל טרײַ זײַן אין שלאַכט.

אויף מײַרעוו א צוג
און אויף מיזרעך א צוג.
און איך בין אינמיטן
דעם וויפֿלטן טאָג.

באגעגנט, צעזעגנט —
און ווײַטער אין וועג —
אַף מײַרעוו אוועק,
און אַף מיזרעך אוועק.

1941—1939

געפאר

פויקט, פויקן!
טרומייטעט, טרומייטן!
טריף, אומרו, טראָפּן נאָך טראָפּן.
ווידער מיט צאָרן, ווידער מיט ווייטעק
באפארבט זיך דער הימל איבער אייראָפּע.

באלד וועלן די לעצטע פונקען דערברענען
ערגעץ אף טורעמס,
ערגעץ אין הייכן,
און ווינטן, וואָס ברומען אין נעץ פון אנטענעס,
וועלן מיט סרייפעס די ערד באהויכן.

זיי וואכן, זיי וואכן,
די לעצטע געשרייען,
אף אָנזאָגן אומגליק, אף אָנזאָגן שרעקן.
באלד וועלן וווּנדן פון שווארצע טראנשייען
דאָס פּאָנעם פון דר׳ערד ווי מיט פּאָקן באדעקן.

באלד וועלן קנוילן רויכיקע רייפן,
און זון וועט ניט לויכטן,
און זון וועט ניט העל זײַן,
און שווארצע טעג, ווי געזייפטע שלייפן,
וועלן פאלן אף פעלקערס העלדזער.

אלע, וואָס כאָוועז,
אלע, וואָס בויען,
ווּוהין אונדזער מי אצינדערט אהינטאָן!
און וועמען — די ליכטיקע פלאמען פארטרויען
פאר אָנפלי פון יענע צעשטערנדע ווינטן!

וועקט אומרו!
און צאָרן זאמלט!
מיר זאָלן קאָנען, מיר זאָלן קאָנען
מיט שארפע קלעפּ פון אונדזער האמער
אריבערשרייַען דעם הילך פון קאנאָנען.

וועקט אומרו!
זאָל צאָרן שטייַגן!
אלע, וואָס בויען, אלע, אלע!
אויב מירן ניט קאָנען געפאר פארבייַגיין,
זאָל אונדזער האמער אף סאָנים פאלן.

אף קאָפּ פון סוינע
א שווערן קלאפּ טאָן,
אף קאָפּ פון סוינע מיט קראפט א זעץ טאָן.
זאמלט צאָרן! און וועקט געוואגטקייַט!
אין שלאכט אנטשיידענעם און לעצטן!

1938

ווי ווײַט איז דער וועג קיין בערלין?

— ווי ווײַט איז דער וועג קיין בערלין?
— עס ווענדט זיך, וויאזוי מע זאָל מעסטן.
ניט ווײַט איז דער וועג קיין בערלין,
אויב מעסטן אף מײַלן און ווערסטן.
פיל וועגן צום גיין איז פאראן,
צו פאָרן אף זיי איז נאָך פראָסטער.
נאָר אנדערש מיר זײַנען געגאן
און אנדערש מיר האָבן געמאָסטן.
די ערד אין דער ברייט, אין דער לענג,
די ערד אין איר גרויסער באוועגונג,
נאָר זי האָט געוווּסט און געדענקט
די מאָסן פון אונדזערע וועגן.

— ווי ווײַט איז דער וועג קיין בערלין?
— עס ווענדט זיך, וויאזוי מע זאָל מעסטן.
מיר זײַנען געגאנגען אהין
איבער ערד, וואָס דער פײַנט האָט געלעסטערט,
אונדזער ערד, וואָס דער פײַנט האָט געשענדט,
אונדזער ערד, וואָס דער פײַנט האָט פארפעסטיקט —
מיר האָבן עס בײַשטיין געקענט —
מיט מאָסן אוועלכע דאָס מעסטן?
פון צאָרן פון אונדזער דער פלאם,
וואָס האָט ווי א יאם זיך צעגאָסן,
פון אונדזערע פײַנען דער טאם —
געוועזן זײַנען אונדזערע מאָסן.

א מאָס איז געווען אונדזער מוט,
א מאָס — אונדזער ליבע און סינע,
און ווו ס׳האָט גערינט אונדזער בלוט,
דאָרט האָט זיך דער סוינע פארכלינעט.

— ווי ווײַט איז דער וועג קיין בערלין?
נאָך איידער מיט זינען באנומען,
ווי ווײַט איז דער וועג קיין בערלין —
דאָס הארץ האָט געגלייבט: מירן קומען!
געגלייבט, מירן קומען אהין
מיט אונדזערע מאָסן און צאָלן,
וואָס נאָר מיטן אש פון בערלין
דער פײַנט וועט פאר זיי זיך צעצאָלן.
און אָט זײַנען וועגן באפרײַט,
און גרענעצן זײַנען צעבראָכן,
און איבערגעמאָסטן די ווײַט
פון האָפענונג ביז צו ניצאָכן.
מיט לויב זאָל ניט בלײַבן פארטיילט
די טרײַהײַט פון אונדזערע הערצער,
וואָס האָבן די יאָרן געציילט
פון איין און ביז פינעף און פערציק.
געלויבט איז די קלאָרקײַט פון זין,
געלויבט איז די מעכטיקע כאָכמע
פון דעם, וואָס האָט אונדז אף בערלין
געפירט און דערפירט מיט ניצאָכן.
געלויבט איז דער גרויסער באגין
פון די רויטארמייִישע שײַטערס,
וואָס אופגעגאַן איז אף בערלין —
אן ענטפער פאר דוירעס און צײַטן —
ווי ווײַט איז דער וועג קיין בערלין!

א גוטער כאַלעם

אַן עשעלאָן געקומען פֿון בערלין,
מיט זיג און פֿרייד געלאָדן די וואַגאָנעס.
ס'איז שפּעטע נאַכט, ס'איז ווײַט נאָך ביז באַגין,
און אַ סאָלדאַט אַרויס אַפּן פּעראָן איז.

דורך גאַסן נאַכטיקע געלאָזט זיך גיין
מיט טריט אַזעלכע הילכיקע געשפּאַנטע.
און באַ אַ ווײַטער שטוב געבליבן שטיין,
און אָט איז שוין די טיר די גוט באַקאַנטע.

ניט איין סאָלדאַט האָט פֿאַרכטיק און געהיים
דורך אַלע שלאַכטן, אומגליקן און פּלאָגן
פֿאַרהיט באַ זיך דעם שליסל פֿון זײַן היים
און ווי אַ האָפֿענונג אים דורכגעטראָגן.

שטיל עפֿנט אויף איצט דער סאָלדאַט די טיר,
און הײמלעך נעמען אויף די ווענט זײַן שאָטן.
נאָר ס'גיט דער שאָטן מער זיך ניט קיין ריר,
ווײַל באַם סאָלדאַט אַליין פֿאַרכאַפּט דער אָטעם.

אין אָט דעם צימער אַלץ אַזוי באַקאַנט,
דאָס קינדעריש בעטל הינטער פֿאָרהאַנג טונקלט.
אָף בעט ניט־אויסגעבעטער באַ דער וואַנט
זײַן ווײַב אין טיפֿן, טיפֿן שלאָף פֿאַרזונקען.

ער וואַלט מיט שטילסטן וואָרט זי אופגעוועקט,
נאָר פאַלגן וויל ניט איצט זײַן אייגן קאָל אים.
א מילדער שמייכל אף איר פּאָנעם שוועבט —
איר כאָלעמט זיך אצינד א גוטער כאָלעם.

זי זעט: אן עשעלאָן געקומען פון בערלין,
מיט זיג און פרייד געלאָדן די וואַגאָנעס.
ס׳איז שפּעטע נאכט, ס׳איז ווײַט נאָך ביז באגין,
און א סאָלדאט ארויס אפן פּעראָן איז.

דורך גאסן נאכטיקע ער לאָזט זיך גיין
מיט טריט אזעלכע הילכיקע, געשפּאנטע.
און אָט איז ער געקומען צו זײַן היים
און עפנט אוף די טיר די גוט באקאנטע.

און בייגט זיך אָן צו איר און קושט זי שטיל
און זאָגט אזוינס איר עפּעס ניט געשטויגנס...
„א גוטער כאָלעם״... — אויסריידן זי וויל —
און עפנט מיטאמאָל אוף אירע אויגן.

1948

א גרוס דיר, זיג!

א גרוס דיר, זיג! א גרוס דיר און א לויב
פון הארץ, וואָס האָט אין פײַן דיך אויסגעטראָגן.
פון הארץ, וואָס האָט געבלוטיקט און געגלייבט —
די שאָ די ליכטיקע וועט שלאָגן!

מיר זײַנען דורכגעגאנגען שווער און לאנג
דעם וועג צו דיר צווישן טויט און לעבן,
און הײַנט ביסטו אונדז ניט ווי א געשאנק —
ווי א באלוינונג ביסטו אונדז געגעבן.

זאָל לאנד צו לאנד הײַנט אָנזאָגן דײַן רום,
זאָל ערד צו הימל מיט דײַן פאָן הײַנט פאָכן,
און יאם צו יאם מיט פריידיקן געברום
זאָל אויסרופן דאָס הייסע וואָרט: ניצאָכן!

1945

די ליד וועגן דער פאָן

אונדזער זײַד־געוועבטע פאָן,
רויטע פאָן פון אונדזער פאָלק.
פונעם סאמע אָנהייב אָן,
פונעם סאמע אָנהייב קריג
גייט אין שפּיץ פון אונדזער פאָלק,
אונדזער ווילן דרייסטן פאָלק,
רופט און מוטיקט אונדז צום זיג,
רופט און מוטיקט צו דערפאָלג, —
רויטע פאָן פון אונדזער פאָלק.

אף די מארשן — העל צעברויזט,
אף ביוואקעס — אויבנאָן,
און אין שלאכט — זי רופט פאָרויס,
אונדזער היימלאנדס רויטע פאָן.

גליק איז גליק, און קריג איז קריג;
טרעפט אין קריג, זיך בײַט דאָס גליק,
שווער איז יעדער שפּאַן צוריק.
צי אין שוץ, צי דו גרײַפסט אָן,
האָב אין אויג די רויטע פאָן,
האָב אין הארץ דײַן היימלאנדס פאָן,
האָב אין זין די פאָן פון פאָלק,
רויטע פאָן פון אונדזער פאָלק,
איר באפעל — באנעם און פאָלג.

העל צעפּאָכעט אין דער לופט,
גייט די פאָן אין אויבנאָן,
און אין שלאכט פאַרויס זי רופט,
אונדזער היימלאנדס רויטע פאָן.

וויפל ערד פון ראנד ביז ראנד
מיט דער פאָן אדורכגעשפּאנט
ביז צום סוינעס פינצטער לאנד.
דאָרט אין סוינעס גרעסטער שטאָט,
וואָס אמשטארקסטן איז באשיצט,
וואָס אמווייניקסטן באדראָ׳ט,
ווארט א טורעם, ווארט א שפּיץ!
כאווער מײַנער, ברודער, פרײַנט,
זאָלסט געלויבט אף אייביק זײַן,
דו, וואָס האָסט אין לאנד פון פײַנט,
אין דער הויפּטשטאָט פונעם פײַנט,
אָט אף יענעם טורעם־שפּיץ,
אינעם העכסטן אויבנאָן
אָנגעצונדן, ווי א בליץ,
אופגעהויבן, ווי א בליץ,
אין דער הייך דאָרט אײַנגעקריצט
אונדזער היימלאנדס רויטע פאָן.

זי זאָל שײַנען, אונדזער פאָן,
זאָל פארנעמען פון הײַנט אָן
איר געדערעכטן אויבנאָן,
אונדזער היימלאנדס רויטע פאָן.

1945

ברויז



צוג

גו, געגוג,
אָפּגערוט און איבערגעכאַפּט דעם אָטעם —
ציַיט אין וועג אַריַין זיך לאָזן וויַיטער,
צוג, מיַין צוג!

די וואַגאָנעס איַיזן־פעסט געבויט,
איינס אין איינס און אויסגעפּרוּווט איז יעדער
פון דער האַרטער גלאַנצנדיקער הויט
ביז די שווערע, שווינדלענדיקע רעדער.

און אין שפּאַן — אַזאַ לאָקאָמאָטיוו —
אין געלויף מיט אים זיך ניט פאַרמעסטן,
ווען ער שפּרינגט אַריבער טיפסטע טיף,
ווען ער שלינגט די ווערסטן.

ס'האָבן יונגע און פאַרגלייבטע הענט
אַרום אים כּאַדאָשים זיך געפּאָרעט —
ער זאָל יאָגן, ער זאָל טראָגן זיך אין וועלט
מיט אַ רויטן שטערן אויפן פאָרנט.

אַלע פעלדער איצטער אין מיַין לאַנד
אונטער וויַיסע שנייענדיקע פעלצן,
און עס יאָגט זיך, און עס טראָגט זיך נאָכאַנאַנד,
און עס לויפט און לויפט דער שנעל־צוג.

נאָר דער שווינד פון רעדער ווערסטן האקט,
נאָר די שויבן ליכטיקייַט צעטרייסלען...
אין וואגאָנעס פול און פול געפּאקט —
יונגען אימפּעטדיקע, זינגענדיקע, הייסע.

הייסע יונגען אין די שויבן אָנגעשפּארט,
קעפּ אף קעפּ אין ליכטיקייַט זיך באָדן,
און אין יעדערן פון זיי דאָרט זיצט א הארץ,
אוי, א הארץ... מיט ברויז אן אָנגעלאָדנס!

עמעצער די פויסטן דריקט צונויף
און מיט ציין פארקריצט שוין דאָרטן עמעץ,
ווען דער צוג אין אימפּעטדיקן לויף
שטויסט זיך אָן מיט שטערן אין א גרענעץ.

עפּשער איז געקומען שוין די צייַט,
אויסלאָדן, מיט וואָס די הערצער ברויזן...
אָט די גרענעצן — אף ווערסטן ווייַט —
און... צעשפּארן זיי אף עטלעכע כאָטש טויזנט!

דו אזעלכער, דו אזוינער, דו מייַן צוג!
נאָך פאראן פאר אונדז א וועלט א ווייַטע,
איבערכאפּט דעם אָטעם — און גענוג!
צייַט אין וועג ארייַן זיך לאָזן ווייַטער!

1928

ראָסייא

ווער וועט אונדז דערציילן, ווער וועט אונדז באַוווסטיקן
פון געשעענעם און פון געוועזענעם...
אוי, ראָסייא,
אָרעמע און וויסטיקע,
ס׳האָבן ניט פאַרשאַרט דיך
וועלטס פאַרשטויבטע בעזעמער.

ניט פאַרשאַרט דיך, נאָר די האַרטע ריטעלעך
אויסגעריבן און צעזייט אף דיר בייזווילנדיק...
אוי, גערדיכט צעזייט
און אופגעגאַנגען שיטערלעך —
ניט דיך בײַגעקומען,
ניט פאַרטיליקט דיך.

מעג זיך וועלט נאָך אַקשענען, מעג זיך וועלט ניט רעכענען
ניט מיט דײַנע עמעסן, ניט מיט דײַנע ליידן.
רויכיק, אָבער ליכטיק
ברענען פעסער פעכענע,
וואָס דו האָסט אָנגעצונדן
אף דײַן גרויסן שיידוועג.

ניט דער גיבער שימשן אין זײַן לעצט געראַנגל
טרייסלט אוף די זײַלן פון דעם סוינעס פעסטונג —
דאָס האָסטו, מײַן לאַנד,

די וועלט באַראַשט מיט קלאַנגען,
וועלכע שטײַגן הײַנט
פֿון דײַנע גלאָקן־נעסטן.

אונטער הויכע הימלען, איבער וועלטנס ענדן
ניט קיין כמאַרעס רינגלען, ניט קיין ווינטן רעדערן.
אוי, דאָס פֿליִען אויף
און וויכערן אַף לענדער
פֿון דײַן שוואַרצן אָדלער
אויסגעפֿליקטע פֿעדערן.

און פֿון פֿײַער־בליצן שנעלער נאָך און פֿלוצלינגער,
ליכטיקער און פֿאַרביקער פֿון מענטשישע באַגערן
האָט אַף ערדן אויפֿגעשײַנט
דײַן פֿינפֿשפּיציקער,
דײַן ניצאָכנדיקער
פֿײַערדיקער שטערן.

1920

* * *

אלץ, וואָס לעבט און אָטעמט אונטער זון דאָ,
איז צו ערד מיט וואָרצלען צוגעשמידט.
מיר זײַנען שטײַף מיט אונדזער ערד פֿאַרבונדן,
און איר אָטעם לעבט אין אונדזער ליד.

אין אַ צײַט פֿון בויען און פֿאַרניכטן
זײַנען מיר איר ברויזיקער געשריי.
אָט דערפֿאַר אױף אונדזערע געזיכטער —
ווען אַ שמייכל, ווען צונויפֿגעקריצטע ציין.

טעג און ווינט! איר האָט געוויס פֿאַרווישט שוין
יענע שפּורן אױף די וועגן, ווו ניט לאַנג
האָט אַ וואָיענדיקע קויל געגישטערט
אױף פֿאַרזיגלען אונדזער אומרויִק געזאַנג.

איצטער נײַע שפּורן איבער נײַע וועגן,
רו און מי האָט אונדזער ליד פֿאַרשעפּט,
נאָר מיר בלײַבן גרייט זיך וואַרפֿן אין געשלעגן
סײַ מיט פֿויסטן, סײַ מיט זינגענדיקע קעפּ.

* * *

אין דײַנע שטעט, אָנשטענדיקע אײראָפּע,
די גאסן גארן נאָך א יאָמטעוו
מיט דאָרשט פון זומער־פעלדער,
וואָס קאָנען זיך אף רעגן ניט דערווארטן...

פון לאנג צעזייטע שטורעם־זוימען
צעברויזן זיך די שטיינערדיקע הארטן...
פאר פרייד פון שטײַגנדע האמוינים,
פאר הילכנדיקע טריט פון פרײַהײַט
אן אָפּקלאנג האָבן ווענט פארטײַעט.

אין לופטן שנײַדן דורך שוין בליצן
פון רופן פלאמיקע, וואָס מונטערן און מאָנען,
און טורעמס ווארטן שוין מיט אָנגעגרייטע שפּיצן
אף רויטע זיגערישע פאָנען.

האַרבסט

יעדער מענטש
פֿאַר בענקשאַפֿט האָט אין האַרץ אַ נעסט,
יעדער מענטש
איז פֿון דערמאָנונג ניט באַוואָרנט.
צי ווײַל שפּעטער האַרבסט איז שטרענג און שײן,
צי ווײַל שפּעטער האַרבסט דעם לעצטן גינגאָלד לעשט,
האָב איך הײַנט דערמאָנט זיך אָן מײַן היים,
היים מײַנע,
וווּהין כ'וועל קײנמאָל שוין ניט פֿאָרן.

אָ, מײַן אַלטע היים, צוקאָפּנס פֿרעמדער גאַס,
ווו הימל האָט געטריפֿט מיט רו
אויף שטויב פֿון געסלעך,
אַלע שאַרפֿשטײנער פֿון ליבע און פֿון האַס
האָבן אויסגעשאַרפֿט אויף דיר אַ מעסער!

אַלע שטורעמס האָבן דיך געפּליקט
און צעזײט דיך,
און צעווײט דיך,
און מיט ערד פֿאַרגלײַכט...
דו וועסט שוין קײנמאָל,
קײנמאָל מיר ניט אויסשטרעקן די האַנט פֿון בריק
אויף אַריבערנעמען מיך צו זיך אַריבער טײַך.

יענער טײַך, —
קיינמאָל אין מײַן הארץ וועט זיך ניט שטילן
זײַן צעשוימטער און פארפלייצנדער געזאנג,
ווען ער פלעגט אין אָנגערײַפטע פרילינגס
זיך אַרויסרײַסן פון ברעגעדיקער צוואנג.

עפשער איז ניט יעדן טײַך געגעבן
צו פארפלייצן און אריבערשטײַגן ברעג.
נאָר פון דעמלט אָן
בין איך אליין פארסאמט מיט שטרעבן,
נאָר פון דעמלט אָן
אן אומרו מיך באוועגט
אף פארפלייצן
און אף אופצורײַסן הרעבליעס.

אזויפיל רו האָב איך צעשטויבט אף ווינט,
אזויפיל רו אין אָנפלי פון גערעאנגל ניט פארהיט
און ניט געשוינט
און ניט בארעכנט!..
איז וואָס זשע מאָלט דערמאָנונג מיר אצינד
מײַן שטילע היים,
וואָס האָט אמאָל געבליט
מיט פלעקן פארביקע פון דעכער?

מײַן שטילע היים
אין אָנקום פון פארנאכט,
און הימל טריפט אף איר מיט לעצטער צארטקײַט,
און פענצטער האָבן זיך פארקוקט אף שליאך
אין אומרוּיקן אָנגעשטרענגטןווארטן.

ניין, ניט אלץ, ווי אָפּגעשניטן גראָז, פארוועלקט,
וואָס היים פארפלאנצט,
וואָס היים פארוואָרצלט טיף ביז ביין.

נאָר וואָס איז היים,
ווען גאנצע וועלט
ווערט ליב און ענג, ווי היים?
יענע דעכער האָבן אָפּגעבליט
און מיט פײַער און מיט רויך
דאָס מויל פון נעכט פארשטאָפּט.
היים, מײַן היים, זיי האָבן אָפּגעבליט,
בלויז שווארצער אש פון זיי באשאָטן האָט דײַן קאָפּ.

הײַנט וועל איך ניט לייקענען
ניט פאר זיך אליין און ניט פאר דיר:
מיר האָט ווײ געטאָן
דײַן נייגן זיך אין טונקל,
נאָר דו וועסט קיינמאָל מיך ניט האָבן צווישן די,
וועלכע רופן וויינען אף דײַן אומקום.

ניט צוריק איז בליק מײַנער געווענדט איצט
אף צו זען טײַערס און געגארטס,
און אף שטילער שײַן פון אלטע פענצטער
ציט מיך ניט צו ווארעמען דאָס הארץ.

הארבסט איז איצט,
אזא שיינער שטרענגער הארבסט איז איצט,
און לעצטער גינגאָלד
האָט דאָס הארץ צעמישט מיר,
און מיר
א נײַע שײַן האָט הײַנט געטאָן א בליץ
אף דער ערד פון שטורעם אָפּגעפרישטער.

ס׳איז שוין ווערט געווען,
ס׳איז געווען שוין ווערט
זיך שטורעם אָפּגעבן מיט פולן הארצן,

פאר אלץ, פאר אלץ, וואָס כ׳זע איצט אף מײַן ערד
אין א טאָג אזא
א גאָלדענעם,
א הארבסטיקן.

1926

* * *

וועגן מיר, ווי אין הארבסטיקן דרויסן,
א געראנגל פון רויש און פון ווינטן.
קאָפּ מײַן זינדיקער, קאָפּ פארשטויסענער,
וווּהין אזא פארשײַטן דיך אהינטאָן?

צופיל אומרו האָסטו ניט געוואָלט פארמײַדן,
צופיל האָסטו זיכערקײַט פארהאסט דאָ,
איך האָב דיך געטראָגן אף צו שלײַדערן,
ווי א פונק, אין יעדן פולווער־קאסטן.

עפשער איז דערפאר געווען ווייטעק,
און אומרו האָט דערפאר אזוי געטריבן,
ווײַל אין ליבשאפט
איז דאָס הארץ פארבליבן ליידיק
פאר נײַער גרעסערער נאָך ליבע.

אלע, אלע איר,
ווען, ווען מיר העיענס וועגן האָבן זיך געקרייצט מיט מײַנע,
וועמענס רו — מײַן אומרו איז געווען א שטערונג,
וועגן אײַך — מײַן הארץ איז פול הײַנט מיט דערמאָנונג
ווי א ווינטער־נאכט איז פול מיט שטערן.

ניין, מיר טוט ניט באנק,
גאָרניט טוט ניט באנק מיר,

זײַ געבענטשט, מײַן קאָפּ, פֿאַר ברויזן און פֿאַר שוימען,
זאָלן רויש און ווינט זיך פֿירן דעם געראַנגל,
עמעצער וועט אונדז אויך שוינען.

ווײַל דו האָסט, מײַן קאָפּ,
אַזױפֿיל אומרו ניט געוואָלט פֿאַרמײַדן,
און אַזױפֿיל זיכערקײַט פֿאַרהאַסט דאָ,
איך האָב דיך געטראָגן אַף צו שלײַדערן,
ווי אַ פּונק אין יעדן פּולווער־קאַסטן.

1926

ווײַל אומרויִק ברומט ערגעץ ווינט

ווײַל אומרויִק ברומט ערגעץ ווינט,
און האלב־נאכט האָט פענצטער
פארפלייצט און פארשווענקט שוין,
אף ווײַטן געוויין פון א קינד
שטרענגט אָן זיך מײַן הארבסטיקע בענקשאפט.

נו, וואָס האָסטו, מײַן הארץ, זיך צעברויזט,
ווי ס׳וואָלט פינצטערע נאכטישע מיט
דיך באהעלט מיט אן אָפּשײַן פון פײַערן...
און עפשער גאָר ווײַזט זיך דיר אויס,
עפשער האָסטו ניט מער ווי א ציטער פארהיט
פון אמאָל, פון אמאָל —
פון פאר צוויי־
צי פאר דרײַ־יאָרן.

ערגעץ וואקלען זיך וועלטן
אף פינצטערער טיף,
און צו ערד איז געפאלן א שטערן...
נאָר דו ווייסט דען,
ווי לאנג האָט דורך אָפּגרונט געטריפט
אָט דער ליכטיק צעשאָטענער פערל?

וואָסווייסטו פֿון קינדערשן ווײַטן געוויין,
וואָס טריפֿט ווי א שטערן אין האלב־נאכט,
ווען הארץ האָט אי זיבען
אי פֿענצטער פֿארשווענקט
און אף אומרו און וואך־זײַן געזאלבט דיך.

1924

* * *

מײַנע שיפֿן שוין וואַרטן אַף ווינטן
בא ענגע האַפֿנס פֿון גליק;
איך האָב רויִק צעשלײַפֿט און צעבונדן
די רינגען, די קייטן, די שטריק...

איך וועל אָפּשווימען אין ווילד־פֿרעמדע לענדער,
וווּ שוועל וועט ניט צוימען די טריט.
היי, זעגלען, צו ווײַטן זיך ווענדעט,
פֿונדאַנען קיין בליק נעמט ניט מיט...

1921

* * *

פאר יוגנט פארשײַטער און דרייסטער,
וואָס האָט אירע האפנס
אַף שיפן פון אומזין פארביטן,
וואָס דענקט ניט און ווייסט ניט
פון זיכערע רו׳קע ברעגן, —
וואָס טויגן דערפארונג און וויסן
פון אלטע געמאָסטענע וועגן...

פון מילדע פון זאָרגנדע מוטערשע בליקן
אַף אייביק, אַף אייביק צו שטורעמס זיך ווענדן...
פאראן ערגעץ ריזיקע, רייצנדע גליקן,
נאָר ניט אין די פאָטערשע לענדער.

פאראן ערגעץ ברייטן און לענגן, און ווײַטן —
אַף וועלטן צו שאפן...
פאר שיפן פון אומזין פון יוגנט פארשײַטער —
דאָרטן א האפן!

1921

* * *

שפּיל פון שטורעמס איז צעברויזט און שוימיק,
שפּיל פון ווינט איז רוישן און פאַרבײַגיין,
איך האָב ליב פאר שוימיקײַט זיך צוימען,
און ווען עס טומלט, האָב איך ליב צו שווײַגן.

אך, אריבעריאָגן ווינט — מע קאָן דען?
בעסער שוין, ווען טראָט איז שווער און הארט, און הילכיק,
ער וועט אין בלינדע ליקן ווי דער ווינט ניט בלאָנדזשען,
ער וועט אמאָל אפילע ווינט פארהילכן:

גוט איז נאָר מיט שטורעמס און מיט ווינטן
זיך ברידערן אין אומרו און אין וואך זײַן;
אומרו שטורמישער, ווי שוימיקײַט צערינט ניט,
אומרו אקערט טיף אף אופצוריײַסן פלאכן.

ליב־געזאנג פאר ברויזנדיקע קרעפטן
און אויך פאר רו פון טיף, וואָס איך פארמאָג שוין,
ברויזיקײַט מיט טיפער רו באהעפטע
בין איך גרייט צו ווארפן הײַנט אף יעדער וואָגשאָל.

1925

* * *

אף רויטן פלאץ, ווו שארף פון האק
האָט דורכגעבליצט
אף האַרטן אָדערדיקן האלדז פון ראזינען;
זיי זײַנען נאָך ביז גרונט ניט אָפּגעמעקט,
די אלטע קריצן פון רעציכעדיקער אזיע.

נאָר פוסטע אָדלער־נעסטן אף די אלטע טויערן,
און גרינע קוואָרים אונטער קרעמלס ווענט
דערציילן שוין פון טאָג,
ווען דו האָסט זון פארבלענדט
מיט שײַן פון זיגן אומגעהויערע.

ווען ער זאָל קאָנען הערן, דײַן געקעפּטער העלד,
ווי פײַערדיקע פערד צעצוימטע,
הײַנט יאָגן שוין צו טויערן פון וועלט
דײַן גרויסן רויטן יאָמטעוו.

1921

* * *

גאס וועט דײַן אָרן הײַנט וויגן
אף כוואליעס פון הענט און פון קעפּ,
און מוטערלעך ציִען א ניגן
פון מוט און פון טרויער געוועבט.

אין לאנגזאמען ציט׳ריקן שיידן
וועט אָפּגיין דער לויטערער טאָג...
גאס וועט באגלייטן אײַך ביידן
ביז שטומען פארטײַעטן ראָג.

און וועט זיך פארהילן
מיט נאכט, ווי מיט פינצטערער קרעפּ...
גאס וועט דײַן אָרן הײַנט וויגן
איבער פליסנדע וועלן פון קעפּ...

הונגער

ליגט מײַן ערד א דאָרשטיקע און הייסע
מיט פארשמאכטע, לעכצנדיקע ליפּן —
בלויער פרילינג האָט אף איר ניט אויסגעטרייסלט
די געבענטשטע רעגנספולע זיפּן.

ניט געשאלט אף איר האָט זומער העלער
מיט צעבליצטן דונערדיקן האָרן...
אך, אומזיסט, אומזיסט איצט גארן פעלדער
נאָך א זאטן ליד פון רײַפן קאָרן.

ניט קיין זאטן, נאָר א הונגעריקן ניגן
צו שפּארונעס — אויערן פון פלויטן...
און עס גליווערן בא ווינטמילן די פליגל —
הענט פארבראָכענע אין ווייטעק...

21 יאַנוואַר 1924

אַף שווערער שוועל פון אונדזער גרויסן יאָמטעוו,
בא שווערע טויערן פון אונדזער רויטן טרויס
האָט שוואַרצער טויט און טרויער ניט געשוינט אונדז,
האָט שוואַרצער טרויער פאָנען אונדזערע באַזוימט.

די שאַרפסטע פײַל — ווו האַרץ האָט זיך געגעסטעט,
און אָנגעאָטעמט קעלט אַף אונדזער הייסטן בלוט...
אָ, טויט, דו וועסט ניט אײַנברעכן אונדז, פעסטע,
און וועסט מיט ציטער ניט באַהויכן אונדזער מוט.

ער איז געבראָכן, אונדזער פעסטער בויגן,
וואָס האָט אַף וועלט פאַרמאָסטן אונדזער דראַנג,
נאָר גאָרניט, גאָרניט וועט פון וועלט געטרוימטער
ניט אָפּוועגן דעם דאָרשט פון אונדזערע אויגן,
און גאָרניט וועט ניט אָפּהאַלטן געוואַגטן גאַנג
צו אונדזער גרויסן יאָמטעוו.

* * *

דורך טירן און פענצטער פארקייטלטע
באלאגערט, באלאגערט מיך הארבסט,
פון זאפטיקן, ברויזנדן ווייטעק
וועל איך היינט ניט באהאלטן מיין הארץ.

זאָל אומעט מיך פליקן אף שטיקער,
זינגען, דאָס האָט ניט צו דיר...
פאר ווינטן, וואָס קענען פארשיקערן,
וועל איך ברייט צעעפענען מיין טיר.

1920

אוקאַרע

אזקאָרע

1

שטאַרב, שטאַרב, מײַן געשריי, וועסט בעמיילע
אין הימלען ניט ווערן דערהערט...
נאַכט האָט פאַרמאָסטן דעם מוילעד,
ווי א מעסער איבער האַלדז פון דער ערד.

באַלד וועט שטילקײַט זיך אָנהייבן וואַרגן
מיט הינטישן, צערייצטן ביל...
אָבער נאַכט וועט ניט אופהערן האַרגענען,
אָבער קיינער וועט ניט קומען צוהילף.

איז פאַר וועמען, פאַר וועמען איצט פאַלט מען
בעטן ראַכמים פאַר זיך און פאַר אײַך,
ווען דערשראָקענע שטערן באַהאַלטן זיך
אין די שטאָלענע קבייטשן פון טײַך.

2

ווינטן ראַצכים, ראנגלט זיך, ראנגלט
מיט געטריַיען ריגל אַף טויער,
און איך וועל אַף שנירל פון קלאנגען
אופהענגען איצטער מיַין אויער.

איך ווייס: קיין וואָרט און קיין נאָמען
וועל איך מער שוין ניט הערן אצינדער...
א קאָל נאָר הערט זיך אין ראָמאָ,
ראָכל וויינט אַף אירע קינדער...

אָ, וויפל אָפּגאנגען מידע
זיַינען פון וויטעק צעגליט
אַף וועגן, וואָס פּאָקן שוין ווידער
מיט שפּורן פון איַיערע טריט.

3

כ׳וועל ניט אופהערן מײַן הארפּע אף ביימער —
פאר אלע ווינטן איר שפּיל...
איך פארמאָג שוין אפילע אין טרוים ניט
קיין לאנד פון האָניק און מילך.

אין נעשאָמע א מײַזעלע שקראבעט —
צי טאטנס צי זיידנס א ניגן,
נאָר די טיר פון מײַן אייגענעם שאבעס
האָט וואָך מיט א שטערן פאריגלט.

צעמאָלט מיך, צעמאָלט ווי א קערנדל,
מילשטיינער פון אלע צײַטן,
אויב דורך דעם וועט ווערן נאָר
דער מאָרגנשטערן ווי אן עפּל צײַטיק.

4

נאָר אין וועמעס טונקעלע פענצטער
וועט באַגינען אָנצינדן פײַער,
ווען נאַכט וועט ביז פלויטן ביז לעצטע
באַגלייטן מײַן שווערע לעווײַע.

העלער מאָרגן, מאָרגן צעוויקלטער,
וואָס פון קאַלטער ווײַט דאָרט פינקלט,
דײַן באַפּײַכטער און צאַרטער בליק
איז מיר קאַרג, איז מיר קאַרג אין מײַן זינקען.

איך וויל ניט ווי בײַכיקער וואָלקן
אַף שפּיז פון לעוואָנעס הערנער
פאַר אופשײַן פון דײַנע גאָלדן,
פאַר זילבער פון טויען־טרערן.

5

איז באַלאַגערט, באַלאַגערט מיך, נעכט,
פון פאָרנט, פון זײַט און פון נאַקן,
און ווינטן, פון לינקס און פון רעכטס,
ווי דעם אומרו באַם זייגער מיך וואַקלט.

איך ווייס, אַז מײַן לעצטער געשריי,
וואָס רײַסט זיך צו פינצטערע הימלען,
ווי אין וואַסער אַ פאַרוואָרפענער שטיין
וועט אין כווישעך מיט קאָפּ זיך פאַרכלינען.

. . . .
. . . .
נאָר איך וועל ניט פאַרלעשן מײַן ליכט,
מײַן טויער פאַר אײַך ניט צעפּראַלן...

1921

* * *

אף שלאַכטפעלדער וויסטע
וואַלגערט איר זיך...
געשאָכטענע,
דערשטאָכענע,
מיט אַרויסגעפאַלענע געדערים...
ווי אף מיסטיקע קופּעס
זשומען אום פליגן אף אײַך.
פאַרקריכן אין אײַערע אָפענע מײַלער
און לעקן
דאָס פאַרטריקנטע בלוט
פון אײַערע שמוציקע וווּנדן.
ציין,
פאַרגליווערטע אין לעצטער אָנשטרענגונג,
שטשירען זיך קעגן דער זון,
און זון
פון דער הייך קוקט אַראָפּ
אף אײַך און אף גרעזעלעך יונגע...
פאַרשניטענע ברידער!
ווער האָט אײַך פאַרורטיילט?..
אין וועמענס א גאָרגל
אײַנבײַסן זיך מיט די ציין
פאַר שלאַכטפעלדער וויסטע,
פאַר אײַערע ליידן...

1917

איך

איך

1

...ווער בין איך, וואָס בין איך און ווער,
אויב ניט וועלטס און ניט מענטשהייטס א קינד...
צי בין איך ניט די פּאסנדסטע טעמע
פאר דעם ליד, וואָס איך שאַף אצינד...

כ'בין פארגראָבן מיט מי אין עלטער,
אין מאָרגן מיט שטרעבן פארוואָרצלט,
נאָר הײַנטיקער טאָג געוועלטיקט
אף מיר, דעם גרויסן און שטאָלצן.

וואָס בין איך, ווער בין איך און ווער,
אין הײַנטיקן טאָג, אין שטארקן, —
וואָס ווארפט מיר אין פּאָנעם דעם עמעס,
אז איך בין א קעסטקינד פון מארקן.

איר ווייסט דען, וואָס הייסט זיך רײַבן
בא טירן פון וועלטישע קראָמען
און שטענדיק, און שטענדיק פארבלײַבן
מיט ליידיקן זאק פון נעשאָמע.

2

מיך האָט לעבן געלערנט שטענדיק
(ניט געלאָזט זיך אפילע ארומזען)
און לערנען מיך שיר ניט פארענדיקט
אף שפיל־פּלאַץ פון וועלטישן אומזין.

אף קאָפּ מײַנעם גרוילן די שרעקן,
וואָס הארץ האָט פארטרויט מײַן זינען,
ווען איך האָב איבער בלוטיקע שטרעקעס
געשפּאַנט צו טויטס מעדינע.

אך! וויפל צאפּלענדיקע וועלטן
האָט פארשלונגען דער מעדינעס מויל...
אך! וויפל לידער זעלטענע
פארזיגלט מיט א גראם פון א קויל...

3

אין סאָף־נעכט, ווען פון פינצטערניש שיילט זיך
באַגינענס אַ טויזיקער בליק,
צו ערד אומפאַרשעמטער און הוילער
האָב איך זיך ניט איין מאָל געדריקט.

ליפּן באָכערשע און מיידלשע,
וויפל קושן זאָל ניט זײַן אײַך באַשערט, —
איר וועט ניט אַריבערשטײַגן אין לײַדנשאַפט
מײַנע קושן דער געפּאַקטער ערד.

מיט וועלכע סימאָנים באַגרינדן,
אַז דאָס אַלץ איז ניט אויסגעטראַכט —
אָט זעט, אָט זעט מײַנע ווונדן,
ווי סרייפעס אַף גוף פון דער נאַכט.

4

מיך האָט אײַנגעמידט ערדס באוועגונג,
איך האָב וואנדערן ניט געקאָנט שוין מער,
האָט ערד אױף די הענט פון וועגן
מיך אָפּגעטראָגן אין שטאָט אהער.

שטאָט! פארוואָס איז דיר געפעלן
אָנשטאָפּן דײַן בויך מיט ענגשאפט...
איך קלאָפּ זיך אין ווענט פון עלנט
מיט קאָפּ פון מײַן אייביקער בענקשאפט.

ווי בלײַבט מען אין דײַן געווימל
אייך־איינציקער קלאנג א צארטער,
אז הויכן און בלויען הימל
האָבן מויערן פארוקט הינטער גארטל.

5

...אין אָפּשײַן פון העלער ליכט
איז גרויס אויך פון שאָטנס די שפּיל...
אַלע טײַכן שטראָמען אין יאַם פון מײַן איך,
און איך בין אַלץ ניט פול.

מײַן פעלדזיקער ברעג ניט פאַרפליצט איז
און פײַער אַף אים נאָך ברענט...
אָ, ווער ניט מיד, מײַן פּלייצע,
אונטער דער מאַסע: מענטש.

6

גערענקט דאָס, איר דאַרפט דאָס געדענקען —
פּיראַמידן אַף מידבערשער ברייט,
דאָס האָט פאַר מײַן אייביקן דענקמאָל
אוראַלט א ציגל פאַרלייגט.

...ווענענס, ווענענס גלויביקער „אָמיין"
שאַלט דאָרט אין שטײַגנדער ווײַט...
עפשער צייכנט שוין מאָרגן מײַן נאָמען
אַף גאָלדענעם טאָוול פון צײַט.

איך גלייב דיר אַלץ פעסטער און פעסטער,
אָ, צײַט, אייביק טרײַע און מונטערע...
דו וועסט קיינמאָל ניט מיד ווערן מיך מעסטן
מיט מאָס פון זומערן און ווינטערן...

1921

* * *

ניט דערפאַר דען
איז מײַן קאָפּ מיט מידקײַט פּאַראָסטעט,
ווײַל קײן מי
האָב איך קיינמאָל
און אױף גאָרניט געקאַרגט.
ווײַל כ׳האָב גרינג אי געוואָגט אי פאַרמאָסטן
אַף לאַסטן מײַן האַרטן קאַרק.

ניין, וואָס ווייסט איר
פון מידקײַט אַזוינער,
וואָס לייגט זיך מיט ציטער אַף האַרץ,
ווי אין אויגוסט אַף ביימערשע קרוינען
לייגט זיך דער אָטעם פון האַרבסט.

אַזוי שווײַגנדיק לאָזט זיך פאַרשפּינען
דער וואַלד מיטן האַרבסטיקן האַפּט,
ווײַל ער ווייסט דאָך,
ער וועט נאָך אי רוישן
אי גרינען
מיט ערדישער קרעפטיקער זאַפט.

איך ווייס אויך,
אַז קיין וווּנדערלעכס טרעפט ניט,
אַ קאָפּ איז ניט דאָס, וואָס אַ בוים,

און ניטאָ קיין צוריק־קער פאַר טעג,
נאָר פאַראַן נאָך
אי זאַפּטן אי קרעפּטן,
אין וועלכע מיט וואָרצלען איך שטעק.

נו, זאָל זײַן,
אַז אין האַרבסטיקן טונקל
איז פאַר מידקײַט מײַן קאָפּ פאַרבייגט,
נאָר איך ווייס:
ניט פאַר לידער פון אומקום
יענע זאַפּטן מיט וואָרצלען איך זויג.

נאָר איך ווייס,
אַז פאַר ברויזיקן לעבן
בין איך קרעפּטיק געשמידט,
אויב אין מידקײַט איז אויך מיר געגעבן
אַ זאַפּטיקע ערדישע ליד.

* * *

גרויער הארבסט בייזערט זיך און רעגנט,
קנעט די שטויבן אף שטאַטישן שטיין...
נעם מיך, ערד, אף די הענט פון וועגן
און טראָג מיך אָפּ אהיים.

כ׳האָב פארשעפּט הײַנט פון ווינטישע הויפנס
א ווײַטן און העלן געדוס,
און איך בענק, און איך בענק ווי אן אייפּעלע
נאָך א צארטער און ווארעמער ברוסט.

דאָרט, ווו טרעפּל פון הילצערנעם גאנעק
האָט שוין לאנג ניט באזונגען מײַן טראָט,
וועט באגעגענען מיך מײַן מאמע
מיט א שטיל, מיט א בליִענדיק וואָרט.

כ׳וועל מײַן מאַמען איר פרייד ניט פארשטערן,
ניט פארטונקלען דאָס גליק דאָס געגארטס,
זיך ניט קלאָגן, פארשווײַגן, ווי שווער איז
אף לידער צעבײַטן דאָס הארץ.

וועט זי גיין אף גאסן און מארקן
און דערציילן פאר שכיינים און פרײַנט,
אז איר צארטן, איר ליבן ארקען
האָט גאָט באהעלט מיט זײַן שײַן.

1922

* * *

עפשער קומט מיר ניט און עפשער קומט מיר —
הארץ האָט לאַנג אַזאַ פרייד ניט געשטריקט.
פאַר טעג מײַנע העלע און טונקעלע
אַזאַ צאַרטע ביסטו מיר געשיקט.

צווישן טעג, צווישן וועג, צווישן טריט
האָב איך צאַרטקײַט אַזויפיל פאַרטיליקט,
נאָר דערטראָגן, דערוועבט און פאַרהיט
מײַן גאַרן נאָך דיר ווי נאָך פרילינג.

איצט וועט הארץ אַלע קלאַנגען פאַרשטיין,
אַלע ווערטער אויף צונג וועלן פאַלן.
ביסט געקומען און האָסט מיך באַשענקט
מיט פרילינגען דײַנע מיט אַלע.

ווער באַדאַרף, אַז פון הייכן אַראָפּ
זאָלן שטערן זיך אָנהייבן שיטן,
ווען געגנוג איז דער פריידיקער קאָפּ,
וואָס איך טראָג איצט אויף פלייצעס צעבליטע!

מיר וואָלט איצטער געווען ניט שווער
צו באַטרעטן אויך שטערנשע וועגן,
נאָר מיר איז געגנוג אויך די ערד,
אויף וועלכער איך האָב דיך באַגעגנט.

1924

מערי

О дальней Мэри, светлой Мэри.
А. Блок

Пью за здравие Мэри.
А. Пушкин

אין שפּעטן אָוונט הער איך,
עס עפֿנט זיך ברייט מײַן טיר,
עס קומט ארײַן מײַן מערי,
מײַן מערי קומט צו מיר.

איר פּנים לויכטנדיק רויִק,
די אויגן שטראַלנדיק פֿײַכט.
ווער האָט דאָס אַמאָל מיט ניט־דאָיִקס
דאָיִקע שײנקײט פֿאַרגלײַכט?

נאָר ליבהאָבער פֿון כימערעס
זוכן ניט דאָ אויף דער ערד
אַזעלכע אויגן ווי מעריס,
וואָס זײַנען געווענדעט אַהער.

נאָר ליבהאָבער פֿון כימערעס
האָבן באַזונגען דיך, מערי:
פֿאַר דורכזיכטיקײַט פֿון פֿינגער,
פֿאַר געטלעכער שײנקײַט פֿון לײַב.

און מערי — א שיינע, א יונגע,
אן ערדישע פּראָסטע ווײַב.

און שטארק איז מעריס שליטע,
מער ניט עס טוט מיר באנק:
אין אירע אָרעמס מײַן ציטער
דויערט מענטשלעך ניט לאנג.

זי גייט אוועק שוין, מערי,
ווײַל טאָג בא טירן ווארט,
און מיר איז גוט צו הערן,
ווי מעריס טראָט איז הארט.

ווי הארט און ערדיש הילכיק
טרעט מערי אריבער די שוועל,
ס׳האָט קיינער נאָך דאָרט אפן מילך־וועג
אזעלכע טריט ניט געשטעלט.

1924

* * *

דיך באַגלייט ביז וואָקזאַלן מידע,
געוואַרט, ביז דער צוג אַוועק איז,
דײַן ליבע אָפּגעגעבן ווידער
אַף אויספּרווו פון צײַט און פון שטרעקעס.

נאָך רופן אַזויפיל גאַרנדע
צעקלאַפּטע אין ווײַט אין שטײַפער,
ווי זאַנגען אין זוניקער וואַרעמקײַט,
טעג און נעכט וועלן רײַפן.

און איך וועל ביז פרייד פון צוריק־קער
אין וואַרטן אין מײַנעם אין שווערן
ניט אָפּווענדן בענקענדע בליקן
צו קאַלטער בלײַונג פון שטערן.

זיי וועלן דאָך קומען, די אָוונטן,
ווען גלעקל פון טיר פון גרינגער
וועט פריידיק צעזינגען די נאָענטקײַט
פון דײַנע צאַרטע פינגער.

* * *

מײַן קינד איז װיגעלע איז קלײן,
אזוי נאָך קלײן מײַן קינד אין װיגל.
אים יעדע ליד און יעדער ניגן
מיט שלאָף מיט קינדערשן באשענקט.

און יעדער אופװאך טרעפט אים גרײט
מיט שמײכל אײגעלעך צו העלן.
ס'איז הױך פון װיגל ביז דער סטעליע
און אלץ ארום געװים און ברײט.

א װעלט א גרױסע טריפט פארבײַ,
א װעלט א גרױסע איז דערנעבן,
און לאנגזאם שטריקן קלאנג און שײַן
אין קלײנעם מױעכל געװעבן.

און אָט די דאָרשטיק גרױסע רו
איז נאָך מיט װיסן ניט באלעסטיקט,
װי קלײן עס איז דאָס סאמע גרעסטע
אין גרױסן כאָלעל פון ארום.

1927

* * *

װעמען בעטן, צו װעמען זיך װענדן
אין הײמלעכקײט פֿון צימערן שטילע —
האַרץ אַזאַ פֿאַרשײַטס און ניט שטענדיקס
האָט הײַנט פֿאַרבענקט זיך נאָך פֿרילינג.

אַזױ װאַרעם און שטיל צװישן װענט דאָ,
נאָר װאָס זשע באַהױכט מיך מיט ציטער,
װי דרױסן באַאָטעמט די פֿענצטער
מיט קאַלטע פֿראָסטיקע בליטן?

נײן, ניט קעלט און ניט פֿראָסט צװישן װענט דאָ
איבער שטאָליקן לײַב מײַנס װי מילבן...
סאָף קרעפּטיקן דריטן צענדליק
האָט עלטער מײַן קאָפּ שױן באַזילבערט.

נײן, ניט קעלט און ניט דרױסן באַפֿראָסטיקט
האַרצישן װאַרעם מיט בענקען —
האָב איך דען װיניק געמאָסטן
שנײיִקע ברײטן און לענגען?

מײַן אַמאָליקער האַרטער צוקאָפּן,
װאָלסט מיט רו און מיט פֿרײד מיך באַנוגנט,
אַבי מײַן פֿאַרשײַטער קאָפּ נאָר
זאָל װידער צעבליִען מיט יוגנט.

1922

* * *

אזויפיל יאמען שנײַדן דורך די וועלט.
אזויפיל לענדער זײַנען דאָ
אף אויספאָרן און וואנדערן,
און אומעטום א גרענעץ און א שוועל,
און אומעטום א שפּראך אן אנדערע.

איבער יאמען, ווען די זון גייט אוף,
ווען די זון אין אָוונטיקע יאמען פאלט,
ווערן כוואליעס — שוימענדיקע שײַטערן,
און די שוועלן ליגן הארט און קאלט
אף צעשיידן און דערווײַטערן.

וואָלט איך גערן איצטער אײַך דערלאנגט
אונדזער פרייד א צעניעריקע,
נאָר מיט גאנצער אויסגעשטרעקטער האנט
ניט דערלאנגען נאָך דערווײַלע ביז אמעריקע...

אָט ווען ס׳איז א בענטשונג אונדזער וואָרט —
אונדזער וואָרט דאָס שטרענגע און באפליגלטע:
ס׳האָט דורך שוועלן דורכגעלייגט א טראָט,
דורכגעריסן גרענעצן פאריגלטע.

פון א לאנד, ווו זון גייט אוף אין גלי,
צו א וועלט, ווו זון פארגייט און טונקלט שוין,
הייב איך אוף
און ווארף צו אײַך מײַן ליד,
און איך וויל, אז זי זאָל צו אײַך אָנקומען...

1927

ווערטער

גרויסע טרײַהײַט וויל מיט ווינט ניט הויזן,
אָך, איר ווערטער — מײַנע פויגל־טשאַטעס,
כ׳האָב מיט אײַך געלעבט דאָ און געברויזט דאָ,
ניט געפּעלשט אין אײַך און ניט פאַראַטן.

יעדן וואָרט, וואָס איז אי קלאָר אי וואָגיק,
האָב איך טרײַ און צאַרט געשענקט מײַן ליבע,
ווערטער, בילדער — אינהאַלטפולע לאָגלען,
ווער איז נאָך אַזוי אײַך טרײַ פאַרבליבן!

ווער האָט נאָך אַזוי באמת זיך געגרן
אין באַפליגלטקײַט אײַך צו באַנײַען —
וועט זי מיר דען ניט פאַרעכנט ווערן,
אָט די דאָזיקע מײַן גרויסע טרײַהײַט.

ווענט



וועַנט

מיר,
הויכע, האַרטע, פעסטע ווענט,
פאַרווּרטיילטע הערן און שטומען...
טויזנטער,
טויזנטער יאָרן מיר זײַנען געהאָרכזאַם געווען:
געהערט און באַנומען!..
און שווײַגנדיק,
אין זיך דעם מורמל פון דוירעס געשטיקט...
נאָר מער,
מער ווען מיר שוין ניט שווײַגן...
מיר הערן:
א שטײַגן,
א גרײַפן,
און אָפּקלאַנג
פון שווערע,
פון שטײַפע,
פון אײַזערנע טריט...
ס'גייט א גרויסער,
א מעכטיקער,
אַלץ, וואָס ערשט נעכטן
געהערשט האָט
ווי פעלדז,
ווי גראַניט,

פאלט פאר אים,
קניט
מיט ציטער און גרויל...
— גיט אונדז א מוילל!..
באקלעפט און באהענגט אונדז
מיט מענגעס אפישן,
פלאקאטן און בלעטער...
מיט זיי,
ווי מיט ריזיקע גארגלען,
וועלן מיר שרייען:
מיר הערן —
פעסטע, שווערע, זיגערישע טריט!..

1920

עקראַן

הערט אויס!
דאָס רעדט מיט אײַך איך —
עקראַן.
טאַשמעס פון סאַמעט
און ראַמען געגילדטע
האָבן לאַנג מיך געהאַלטן געפאַנגען.
באַצירטע מעכיצעס — ווענט און צאַמען —
האָבן אונדז שטענדיק געזונדערט,
און רוף מײַנעם העלן
האָט מען פאַרביטן
מיט קרומע געשרייען פון שילדן...
הײַנט
האָב איך צו ווענט זיך געווענדעט:
— צעגייט זיך!
אויס דעכער,
אויס דילן!
באַפרײַט מיר די רוימען...
אַהער...
אַלע קעפּ,
וואָס צוזאַמען דאָ שאַפן די יאַמען פון קעפּ.
פאַר אײַך בין אנטשטאַנען.
פאַר אײַך בין געבוירן...
העכער און ברייטער
צעשפּרייט מיך אַף מיטן פון פּלעצער!

איבער שלונגען פון שלענגישע גאסן
שטעלט אוף מײַן בעלעמער...
מײַן זוים וועט זײַן — הימל!..
מײַן רוים —
דער פילטויזנטער בליק פון האמוין!..

1920

* * *

היי, איר אָנשטענדיקע און באשיידענע
אין היימלעכקייט פון צימערן פארשטיקטע,
ניט פאר אייך, ניט פאר אייך איז די פרייד,
וואָס זוניקע שפּיזלעך שטריקן...

וועמענס טרוים איז נאָך אלץ ניט דערוועבט,
וועמענס הערצער אין נאָגעניש מאָנען,
ווען מעכטיקע וועלן פון קעפּ
שוימען מיט רויטקייט פון פאָנען?

טויבן רוים האָט נאָך רוף ניט דערוואכט?
ניט דערבויט איז נאָך טורעם ביז הימלען?
נאָר ווער וועט צעמישן די שפּראַך
פון זיכערע ברידערשע הימנען?

פעסטער, פעסטער איבער פלעצערישער ברייט
שווערע וועלן פון קעפּ, צעגיסט זיך!
פאר אייך, פאר אייך די פרייד
שטריקן זוניקע שפּיזלעך...

1919

* * *

דאָס וועט אויך זײַן אונדזער לעצטער שטרײַט —
בײַשטיין רויש פון הארבסטיקן געבלעטער...
ווייל צו די, וואָס קומען צו דער צײַט,
ווייל צו די, וואָס האָבן ניט פארשפעטיקט!

אונדזער טיפער הימל האָט געברענט,
אונדזער הארטע ערד האָט זיך געשפּאָלטן.
מיר האָבן דעמלט צו דער צײַט געבענטשט,
מיר האָבן דעמלט צו דער צײַט געשאָלטן.

יעדעס וואָרט האָט אונדז די צונג געבריט
און האָט אונדז דעם אויער ניט געצערטלט.
איצט זײַנען מיר באוואָרנט און באהיט
פון איבערזאָגן שוין געזאָגטע ווערטער.

איצט זײַנען מיר באוואָרנט און באפרײַט
פון רוישן צווישן הארבסטיקן געבלעטער...
ווייל צו די, וואָס קומען צו דער צײַט,
ווייל צו די, וואָס האָבן ניט פארשפעטיקט!

1926

באָלשעוויסטיש וואָרט

מיר האָבן ניט איין מאָל געזאָגט שוין וויכטיקס,
און זאָגן דאָס וויכטיקסטע שטייט נאָך פאָר.
שטײַג, אונדזער וואָרט,
שטײַג, אונדזער ליכטיקס,
אונדזער גרויס באָלשעוויסטיש וואָרט!

פארהארטעוועט אף פײַער פון זיבעץ,
אף שארפשטיינער פון הערצער אויסגעשארפט,
איבער שעטעכן
פרילינגדיק גרינע,
ווי פליגל דײַן געדויש צעווארף.

פון אונדזערע שעטעכן זוניקע, פרײַע,
פון אונטערערד טיפער אין גאָר דער וועלט,
שטײַג, אונדזער וואָרט,
צו הייכן נײַע,
און ערדן נײַע מיט ליכט באהעל.

דו האָסט דאָך שטענדיק דורך רויכיקע זײַלן,
דורך וואָלקנס און נעפל דײַן וועג געקריצט,
און דאָרט,
ווו עס זײַנען געשלאָסן מײַלער,
זײַנען אויגן מיט דיר צעבליט.

טרעפלעכער ווי די שווערד קאָן פלעטן,
פלינקער ווי א קויל לייגט דורך זיך א וועג —
אין אלע צײַטן,
אין אלע וועטערס
האָסטו דעם סוינע אף טויט געדעקט.

מיט לידער מיט דײַנע די ערד איצטער פול ווערט,
מוטיקע לידער צו צײַט און צו אָרט.
פאר לעצטן פונק
איז טרוקן דער פולווער
פון אונדזער גרויס באָלשעוויסטיש וואָרט.

קיראָוו

דער שענסטער דעמב אין אונדזער גרויסן מענטשן־וואלד
מיט קרעפטן ברייט צעצווײַגט,
מיט זאפטן טיף פארטײַעט.
עס האָבן שטורעמס דאָ
געטראָגן זיך פארבײַ אים,
עס האָבן דונערן
דאָרט איבער אים געקנאלט.

און ער האָט שטרענג געדרישט מיט קאָפּ מיט שטאָלצן,
און ס'האָט זײַן רויש געקלונגען ווי א ליד,
און זון האָט זיך געפרייט:
וויאזוי ער בליט!
און ערד האָט זיך געפרייט
מיט פרוכטבארקײַט פון זײַנע וואָרצלען.

און באָדן, וואָס האָט אויסגעכאָוועט אזא לעבן,
געקאָנט האָט זאָגן:
אויב שלאכטן קינפטיקע באדארפן פירער,
האָב איך פאר דעם א מוסטער אײַך געגעבן —
קיראָוו!

א שניט — א ביס א קאלטער פון א שלאנג,
ווי האָט געקאָנט דיך אומווארפן א טויטן,

אז איבער אונדזער גאנצן מענטשן־וואלד
זאָל אָפּהילכן דײַן פאל מיט אזא ווייטעק?
ס׳איז נאָך פאראן מיט האס פארסאמטער בליק,
און שלאנגען־קעפּ פאראן נאָך ניט צעטראָטן,
מײַן לאנד! מײַן פאָלק!
פאר דיר איז נאָך פארבאָטן
בארו:יקטקײַט אפילע אין דײַן זיג.

אָ, וועלט,
פאר אונדזער גרויסן טרויער
די בעסטע הערצער דײַנע הײַנט צעפּראל.
אומגעוואלגערט
א דעמב א שענסטן אין דײַן מענטשן־וואלד.

1934

א גרוס דיר, באָלשעוויסטישע פּאַרטיי

פון אַלע ראַכוועסן, ווו ס'דויערט אונדזער קאַמף,
פון אַלע ראַכוועסן, וואָס אונדזער זיג צעאַקערט,
א גרוס דיר, באָלשעוויסטישער צעקאַ!
א גרוס דײַן זיכערן סאַכאַקל!

פון קעפּ און קעפּ,
וואָס כוואַליען ריי אין ריי,
פון הענט, אַף וועלט פאַרמאָסטענע אָן וואַקל,
א גרוס דיר, באָלשעוויסטישע פּאַרטיי!
א גרוס דײַן זיכערן סאַכאַקל!

דורך וואַכע נעכט, דורך אויסגעפּרוּווטע טעג —
מיליאָנען, מיליאָנען —
מיר האָבן דורכגעטראָגן דײַנע פאָנען
פון ראַנד ביז ברעג.

צעוויקלט זיי אַף נאַפּט־טורעמס באַקינער,
פאַרפעסטיקט זיי אַף קאָפּערס פון דאָנבאַס,
באַקרוינט מיט זיי פון דניעפּער דעם באַגינען,
צעשמעלצט מיט זיי דעם גליוועֶר פון קוזבאַס.

די פאָנען דײַנע אין די העכסטע הייכן,
די פאָנען דײַנע אין דער ווײַטסטער ווײַט,
זיי זײַנען פון דער דאָרעם־זון באַלויכטן,
עס פאָכט מיט זיי דער צאָפן־ווינט פאַרשײַט.

זיי צינדן אָן מאגניטאָגאָרסקער פלאמען,
זיי הייבן אוף די פלאסטן פון אוראל,
און זייער הייסער אָפּשײַן פאלט
אריבער גרענעצן און יאמען.

אף מענגעס הענט,
אף מענגעס הערצער,
וואָס קאָנען זיך קיין ווארעם ניט געפינען
אין אָפּגעקילטע וועלט,
אף פרירנדיקע פלעצער
פון ניו־יאָרקן, פאריזשן און בערלינען.

און אלטע וועלט צעשוידערטע פארנעמט
אין שײַן פון באָלשעוויסטישן סאכאקל,
ווי ענגער ווערט דער טויטער קלעם,
ווי ס'איז איר גלײַכגעוויכט צעוואקלט.

ווי יעדער אָפּגעקילטער שטיין
פון אירע פרירנדיקע פלעצער
הילכט אָפּ מיט קלעפּ פון מענגעס הערצער:
א גרוס דיר, באָלשעוויסטישע פארטיי!

1932

לאורענסיע

אָ, לאורענסיע פון שעפּסן־קוואל!
צי ניט דײַן קאָל הײַנט הערט מען ווידער, ווידער,
צי ניט דײַן פלאַטערדיקע רויטע שאַל
איז הײַנט א פאָן אף גאסן אף מאדרידער?

צי ניט דײַן מוטיק הארץ אנטשיידן קלאפּט
מיט האס צו פײַנט, מיט צאָרן ניט געצווימטן?
צי ניט דײַן פלאם הײַנט שלאָגט אזוי געוואגט
אין ברוסט פון פאָלק אף אלע, אלע פראָנטן?

אמאָל, אמאָל — צוריק דרײַ הונדערט יאָר,
אין יאָרן פינצטערע פון דער געשיכטע,
א גרויסן כאָלעם און א גרויסע וואָר
האָט אויסגעשמידט דער געני פון א דיכטער.

דעם פּײַנלעכן און גרויזאמען ווילקיר,
דער מעכטיקײַט און הערשאפט פון טיראנען —
דורך דיר, אָ, לאורענסיע, מיט דיר
דער פרײַער דראנג פון פאָלק איז בײַגעשטאנען.

און הויך און בלענדיק איז געווען דער שווונג
פון הערצער אָנגעפולוועטע מיט צאָרן,
ווען ס'איז אף זיי געפאלן, ווי א פונק:
„טויט די טיראנען! טויט די קאָמאנדאָרן!"

פּאָרויס! נאָך דיר אין אופשטאנד גייט דײַן דאָרף,
באם פאָלק פארשקלאפטן גלײַכן אויס די קני זיך.
און ס׳פליט דער קאָפּ באם קאָמאנדאָר,
גאנץ שעפּסן־קוואל כאפּט אוף אים אף די שפּיזן.

„אָט דאָס הייסט פאָלק! אָט דאָס הייסט מוט!"
עס הילכט אין צײַטן צאָרנדיק און פּײַניק —
דער קאָמאנדאָר איז טויט!
זײַן פינצטער בלוט
הײַנט בושעוועט אין אורייניקלעך זײַנע.

זיי גייען אויך מיט פײַער און מיט מאָרד
דעם פרײַען דראנג פון פאָלק אין בלוט פארשווענקען.
די אורייניקלעך פונעם קאָמאנדאָר,
ווי ער אזעלכע בלוטדאָרשטיקע הענקער!

אָ, לאורענסיע פון שעפּסן־קוואל!
צי ניט דײַן קאָל הײַנט הערט מען ווידער, ווידער
אין גרויסן צאָרנדיקן רוף, וואָס שאלט
אף גאסן אופגערודערטע מאדרידער?

צי ניט דו שפּאנסט אין יעדער ריי
מיט די באוואָפנטע אסטוריער מיידלעך,
אין אויגן און אף פּענעמער בא זיי
צי ניט דײַן הייסע שטורעמדיקע פרייד לאכט?

אף רוף פון קאמף דײַן פאָלק איז שטענדיק וואך,
מיט הערצער זײַנע מוטיקסטע מיט אלע.
און ס׳הילכט אין וועלט אף לעבן און אף שלאכט:
„טויט די טיראנען! טויט די ווײַסע גענעראלן!"

1937

די פאָן פון אויסלייז און באפרײַונג

מיט פלאם פון גרויסן טאָג באהעלט,
מיט אָנזאָג מוטיקן און נײַעם
גייט אוף אף וועלט, שײַנט אוף אף וועלט
די פאָן פון אויסלייז און באפרײַונג.

איר ערשטער שטראל, איר ערשטע שײַן
ווי זונען־טוי באפײַכט די אויגן,
דאָרט, ווו די לאסט פון יאָך און פײַן
דעם קארק פון פעלקער האָט געבויגן!

מײַן לאנד! דאָס איז דײַן פאָן! דײַן פאָן!
אף נײַע אופגעריכטע ערדן
צום ערשטן מאָל זי צינדט הײַנט אָן
די קראפט און פרייד פון מענטשן־ווערדע.

און ס׳הארץ פון אונטערדריקטער וועלט
צו דיר געווענדט איז פרײַ און אָפן,
און ס׳קלאפט אזוי, און ס׳העלט און קוועלט
מיט נײַער זיכערקײַט און האָפענונג!

וועכטער

אָ, וועכטער, דו, וועמענס הארץ
בא גרענעצן וואכט,
וועמענס אויגן און אויערן זײַנען אין וואכזאמקײַט אָפן —
אין מיזרעך מיט וואָס רוישט דער טאָג,
אין מײַרעוו — מיט וואָס שווײַגט די נאכט,
און ווינטן אוועלכע ווייען פון דאָרעם און צאָפן?
וואָס שפּירסטו אין ווײַט און אין הייך
פונעם פרעמדן ארום,
ווען יעדער געשריי פון דײַן בלוט
צו אָנשטרענגונג רופט דיך.
צי ברומט דאָרט א כײַע איר ווילדן געברום,
א רויבער א פויגל צי שנײַדט דאָרט די לופט דורך?
אזוי טיף איז דער שניט,
וואָס צעטיילט האָט די וועלט,
און דער וועג פון איר יעדערן טייל אזוי אנדערש.
און דו ביסט די גרענעצן באוואכן געשטעלט,
ניט דאָרט, ווו די וועגן זיך גייען צונויף,
נאָר דאָרט, ווו די וועגן זיך גייען פאנאנדער.
דער הימל אין זונען
איין וועג נאָר באשײַנט,
א שטערן א רויטער איין וועג נאָר געבענטשט האָט,
בא גרענעצן לעצטע באוואך אים פון פײַנט,
דעם וועג אין דער צוקונפט,
דעם וועג פון דער מענטשהײַט.

1936

דערמאָנונגען



כאווײרים פון מײַן עלטער

כאווײרים פון מײַן עלטער,
פון גליקלעכן דאָר פון מײַנעם,
מיר האָבן מיט ווײטעק און טײַנעג
געשפּאַנט אין בראָך פון וועלטן.

פאַר לעבעדיקע און טויטע,
געפאַלן אַף אונדזער כײלעק,
געיאַרשנטע אַלטע הויטן
פון זיך און פון אַנדערע שײלן.

די שפּורן אַף אונדזער וועג
ווערן פאַרצויגן מיט רויכן,
און נאָר די אויגן — זײ לויכטן
מיט אָפּגלאַנץ פון יענע טעג.

און נאָר אַף זילבער פאַרשפּינטן
אין וויכער פון האָריקן שײַטל —
דער אָפּגלאַנץ פון גרויסע ווינטן,
דער אָפּגלאַנץ פון שטורעמס פאַרשײַטע.

כאווײרים פון מײַן עלטער,
דאָר מײַנער וואכער און שטאָלצער,
די זײַלן פון נײַע וועלטן
מיר האָבן אין טיפן פארוואָרצלט.

פון נײַע וועלטן די זײַלן
מיר הויבן, מיר הויבן, מיר הויבן!
און טעג נאָך אונדז שוין אײַלן
די פרישקײַט פון ציגל באשטויבן.

פון פריילעכער אײַלעניש יעגער
מיר וועלן זיך ניט באשיצן,
ניט שטענדיק אפילע פארקריצן
אף ציגל דעם קלאנג פון די נעמען.

נאָר אלע פארלייגטע שוועלן
פון אונדזערע גרויסע געבײַען
אויסווייניק דערציילן וועלן
דעם וווּנדער פון הענט פון טרײַע,

ווי מידקײַט האָט אונדז ניט געבראָכן
בא אָנהייב און בא סאכאקל,
און ס'האָט אונדז דער ווינט פון עפּאָכע
געקרעפטיקט און ניט געוואקלט.

אין ווירבל געוועז דאָ מיר זײַנען
דער שטיץ־פּונקט אף קערעווען וועלטן,
כאווײרים פון דאָר פון מײַנעם
בא גרענעצן לעצטע צעשטעלטע.

גרייטע פאַר אויספּרוּוון נײַע,
פאַר רופן פאַר נײַע גרייטע,
די ערד נאָך שטאַרקער א דריי טאָן —
אָטעם וועט סטײַען, וועט סטײַען!

1931

בויערקער זומער

אין בויערקע אף קליינינקן וואָקזאלכל
מײַן קינדהײַט לויפט ארום דאָרט זאָרגלאָז־פרײַ,
א באָרוועסע, אין מאמעס אלטן שאלכל,
אָנשטאָט א זײַדן העמדעלע אף לײַב.

א צוג לויפט אָן, די זומער־טעג אנטקעגן,
א צוג לויפט דורך א ליכטיקער אין נעכט.
איך ווייס נאָך ניט, וווהין עס פירן וועגן,
און מיר איז נאָך דערווײַל דערפון ניט שלעכט.

עס גייט די צײַט, און טעג אויך מײַנע גייען
מיט פעלד צעגרינט, מיט זומערן צעבליט,
אין בויערקע אין וואלדישער אלייע
שפאנט אום א מענטש מיט ניט געצײַלטע טריט.

די סאָסנעס קוקן שטיל אף זײַן פארבײַגיין,
זיי שושקען זיך נאָך איבער אין געהיים,
און קינדער אים באגלייטן דאָרט מיט נײַגער,
די קינדערלעך פון בויערקע מײַן היים.

אף נײַגער קינדערשן ער ענטפערט מיט א שמייכל.
דורך ברילן שײַנט אזא מין מילדער בליק,
און קינדער ריידן אויס: „שאָלעם־אליכעם״,
און טוען פאָרכטיק זיך א כאפ צוריק.

די שושקעריַי פֿון סאָסנעס ווערט נאָך הייסער,
באַם מענטש דער בליק נאָך הימלעכער צעהעלט,
ער זאָגט צו אונדז: „איַי, יינגלעך, איַי, קונדייסים!
איך זע, איר זײַט צופֿרידן מיט דער וועלט"...

פֿון וויַיטער וויַיט, פֿון יענע קינדער־יאָרן,
פֿון זומער בויערקער מיט בלי און צוויט,
איך רוף אַצינד אַרויס אין מיַין זיקאָרן,
א טאָג, וואָס איך האָב אים אין האַרץ פֿאַרהיט.

דער טאָג איז ניט פֿאַרשריבן מיט קיין אויסיעס,
נאָר צווישן שורעס לייען איך אים אַרויס,
אין „טעוויען" און אין „מאָטל פּייסיס" —
א טאָג, וואָס איז איצט, ווי א לעבן גרויס.

ער איז הײַנט אַזאַ אָנגעלייגטער גאַסט מיר,
ער שמעקט מיט קינדהײַט און מיט סאָסנע־וואַלד,
און אין דער מיט פֿון קינדערשער כאַליאַסטרע
איך זע א ליכטיק, לעבעדיק געשטאַלט

פֿון יענעם, וואָס מע רופֿט שאָלעם־אַלייכעם,
אַף סטעזשקע וואַלדישער, באַגאָסענער מיט שיַין.
אויב דאָס הייסט וועלט, צי כאָטש פֿון וועלט א צייכן,
איז ווערט געווען,
איז ווערט צופֿרידן זײַן.

1946

אונדזער דאָר

אוי, ווען מע זאָגט דאָס אונדז צוריק מיט יאָרן,
אווועלכע וועגן דורכגיין שטייט אונדז פֿאָר,
אווועלכע פֿרייד און לייד, און מוט, און צאָרן...
אוי, ווען מע זאָגט דאָס אונדז צוריק מיט דרײַסיק יאָר...

ווער וואָלט געגלייבט, אז מיר, די ייִנגלעך יענע —
די יונגע צווײַגעלעך פֿון פֿראָסטן שטאַם,
אז מירן ניט נאָר וואגן, נאָר אויך קענען
א וואָרט א נײַס זיך אויסקאָוועץ אין פלאַם.

א וואָרט א נײַס אַף אונדזער מאמע־לאָשן,
וואָס שפּילט מיט פֿידל־טענער אין דער לופט,
וואָס פֿינקלט, ווי א שטערן ניט פֿארלאָשן,
און קאָן אין שלאַכטן דינען ווי א רוף.

רעב מענדעלע, דו, אונדזער גרויסער זיידע,
ווי דײַן יערושע־גאָרטן האָט צעבליט,
אַף גרויסן אומוועג און אַף גרויסן שיידוועג
דײַן ווינטשפֿינגערל האָבן מיר פֿארהיט.

ווי אייניקלעך, מיט טיפֿן דערעכערעץ
מיר האָבן עס באפוצט מיט נײַעם גלאַנץ,
ווי ס׳האָט געטאָן דאָס ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ,
און ווי שאָלעם־אַלייכעם האָט פֿארגאנצט.

זײַ שטאָלץ, מײַן פאָלק, מיט גרויסקײַט דער באַשערטער—
אַזעלכע שעפער פונעם ייִדיש וואָרט!
דרײַ קלאַסיקער, דרײַ זײַלן — און אַ פערטער,
אַ פערטער, וואָס איז אונדזער אַ בען־דאָר.

ווען ס׳ייִדיש וואָרט פון נײַע פרישע קוואַלן
צו הערצער אונדזערע האָט צוגעפליסט,
מיר זײַנען צו די קוואַלן צוגעפאַלן,
און דאָוויד בערגעלסאָן האָט אונדז באַגריסט.

און האָט באַנאַנד מיט אונדז גענומען וועבן
דעם רויטן פאָדעם פון דער נײַער וואָר,
באַנאַנד מיט אונדז אין וואָגן און אין שטרעבן...
און מיר זײַנען שוין אויך דער עלטסטער דאָר.

א בריוו קיין אויסלאַנד

א גרוס דיר, פריַינט, א גרוס א גוטן דיר
פון מיר, פון אלעמען, פון שטאָט פון מאָסקווע,
ווו שטיין און איַיזן זיַינען נאָך פארפראָסטיקט,
ווען פרילינג איז שוין דאָרט,
ווו דו ביסט איצט.

מיר וואָלט היַינט גוט געווען, מיַין פריַינט,
מיט דיר צוזאמען איבער גאסן שפאנען,
נאָר פאָרן ווילט זיך מיר אין ערגעץ ניט פונדאנען,
און בעסער וואָלט געווען,
ווען דו וואָלסט אויך דאָ זיַין.

וווהין האָט דיך פארטראָגן, וועלכער ווינט,
א וועלכער פרילינג האָט דיך דאָרט צעשמאָלצן?
דיַין קאָפּ איז עפשער דאָרט צעהיצט אצינד,
צי האָסטו אָבער דאָרטן
ווארעמקיַיט פאר וואָרצלען?

יאָ, דאָ בא אונדז איז היַינט א שטארקער פראָסט,
און איבער דעכער וויַיען זאווערוכעס;
נאָר פאר דער ווארעמקיַיט, וואָס דו האָסט דאָ פארלאָזט —
אָט פאָלג מיך:
שיק דאָרטן אלצדינג צו אלדי רוכעס!

וואָלסט זען, דיביימער הײַנט אפֿן טווערסקאָי בולוואַר,
זיי האָבן זיך צעלאָזט מיט ווײַסע בליטן,
און פּושקין שטייט נאָך ווי געשטאַנען — פעסט און שטאַרק,
ער זאָל דאָס טאָן פון פראָסט
דעם מינדסטן ציטער.

ער שטייט אין פראָסט מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ,
ער האָט צום ווינט זיך אויסגעקערט מיט נאַקן.
ניט פראָסט, ניט ווינט אים שטויסן ניט אַראָפּ
און ווען אים אפילע
שוין ניט טאָן קיין וואַקל.

צי דו געדענקסט נאָך דאָרטן דעם טווערסקאָי בולוואַר?
מיר פלעגן אָפט דאָ שטיין,
די קעפּ פאַריסן ביז צום דענקמאָלס אַקסל,
און ביידע האָבן מיר באַדויערט שטאַרק,
וואָס קיין פּאָעט בא אונדז
איז צו אַזעלכס נאָך ניט דערוואַקסן.

איצט שטיי איך דאָ אליין פאַרקלערט
און טרוים דעם זעלבן טרוים:
א גליקלעך פאָלק, א שפּראַך אַן אויפגעריכטע...
איך טרוים און גלייב אַזוי, אַז אונדז איז אויך באַשערט
די גרויסע פרייד צו האָבן אַזא דיכטער.

ער קומט פון טיף פון פאָלק...
אין ברויזיקן אַרום
איך שפּיר אים שוין
מיט פאָרגעפיל פון הויכן טײַנעג,
און ער וועט זײַן די קרוין פון אונדזער רום,
און מיר עפּשער די פאָרגענגער בלויז זײַנע.

איז קער זיך גיכער אום.
אַהיים! אַהיים!

פאר אומקער ערלעכן די טיר פון היים איז אָפן.
וועסט העלפן טראָגן ציגל, העלפן קנעטן ליים.
וועסט בויען,
און וועסט שאפן,
און וועסט האָפן.

1926

מאיאקאָווסקין

Вы ушли, как говорится, в мир иной.
Пустота... דער רועך זאָל עס נעמען!
מאיאקאָווסקי! וואָס האָט איַיך גענייט,
א שאָס טאָן מיט אזא
ניט פּאסיקער פאר איַיך פּאָעמע?

איר, דער סאמע ערדישער פּאָעט,
איר, וואָס האָט געשפּאנט דאָ ערדיש הילכיק,
ווי האָט איר געקענט
זיך אוועקלאָזן שפּאצירן אפן מילך־וועג?

דאָרטן מוז זיַין לאנגוויַיליק,
פארכאָלעמט און פארטראכט,
ווי אין דער פּאָעזיע
באם סאָף פון סימבאָליזם...
דאָרטן האָט איר דאָך ניט
ניט קיין ראטנמאכט,
דאָרטן בויט מען ניט דערוויַיל קיין סאָציאליזם.

ניין, פארלאָזן איצטער אונדזער ערד,
נעמען אָפּטראָגן זיך מיט א הארץ א דורכגעשאָסנס.

ווייסט, אז אונדז פארדריסט
נאָך ערגער און נאָך מער,
ווי אײַך האָט אף יעסענינען פארדראָסן...

וואָלט ער געקאָנט אין אונדזער לעבן אלץ דערזען,
וואָלט אים ניט אײַנגעפאלן, עפשער, זיך דערוואָרגן.
און איר —
אזא מין לעבעדיקער זײַט איר דאָך געווען,
אז דער טויט אפילע האָט אײַך ניט דערהארגעט.
הערט אויס!
וואָס איז מיט אײַך?
איר זײַט גערירט?
שטעלט אָפּ דאָרט אײַער פליִען צווישן שטערן!
איך ווייס, איר וואָלט אליין מיר אפּלאָדירט,
ווען איר זאָלט איצטער קאָנען מיך דערהערן.

נאָר ניין, איר הערט שוין ניט
אפילע אײַער לעבעדיקן קאָל,
מיט טויטע הענט איר קאָנט שוין ניט א פּאָך טאָן,
און איך האָב זאָגן אײַך געוואָלט,
מיר ווילן, מאיאקאָווסקי, אײַך
אין דעם ניט נאָכטאָן!

אונדז וועט שטארבן זיך ניט ווילן קיינמאָל,
אונדז וועט קיינמאָל ניט דאָס לעבן ווערן מיִעס,
אף דער וועלט איז גוט אזוי און היימלעך,
ווען די ערד איז הארט אונטער די פיס.

1930

אפן טויט פונעם שטורעם־אַנזאָגער

דער שטורעם־אַנזאָגער פאַרענדיקט האָט זײַן שווונג —
דער אַנזאָגער פון שטורעמס און פון זיגן,
אין הויכן פלי עס בלענדן שוין ניט מער די פליגל.
דאָס דרייסטע האַרץ האָט אָפּגעפלאַמט ביז לעצטן פונק.

נאָר איבער וועלט זײַן גרויסע הייסע ליד,
זי שוועבט און קלינגט נאָך לעבעדיק און בלענדיק,
ווי גוט, וואָס זי איז אומשטערבלעך, די ליד,
ווי גוט, וואָס זי וועט קלינגען שטענדיק, שטענדיק.

1936

לײַדנשאַפֿט

אין ליבע און אין פֿרײַנטשאַפֿט און אין שטרײַט
איז טײַער מיר די לײַדנשאַפֿט די הייסע.
זי צינדט, זי ברענט, זי מאַכט געוואַגטער, דרייסטער —
נאָר כ׳ווייס: איר זאָד איז אויך פֿון שום ניט פֿרײַ.

דער שום צערינט. די ליבע דויערט ווײַטער,
און דו, מײַן לײַדנשאַפֿט, דו ביסט נאָך מער געלײַטערט.

1937

דער בארג

(פאָלקס־מאָטיוו)

יענעם בארג דו זעסט, מײַן ליבער,
וועלכן אונדז איז שווער אריבער,
וועלכער פאר אונדז שטייט,
וועלכער אונדז צעשיידט.

אים אריבערטראָגן וועל איך
מיט פיר עקן פון מײַן טיכל,
יענעם הויכן בארג,
וועלכער שטערט אונדז שטארק.

דעמלט קומען וועסטו קענען
און פארביידע הענט מיך נעמען,
פירן מיך צו זיך,
ליבער, קום שוין גיך.

ליד

האַרט בײַ שוועל, בײַ סאַמע טיר,
ליגט אַ ווײַטער וועג.
טײַערע, איך וואַרט אויף דיר
וויפֿל נעכט און טעג.

יעדן ריר מײַן אויג פֿאַרהאַלט,
און מײַן אויער היט,
כ׳זע, אויף וועג דײַן שאָטן פֿאַלט,
כ׳הער שוין דײַנע טריט.

דו גייסט אויף, און ליכטיק העל
שײַנט אויף מיר דײַן כיין,
ווען וועסטו שוין צו מײַן שוועל,
ליכטיקע, דערגיין?!

װעגן די שטײנער, װאָס האָבן זיך געלײגט אין פֿונדאַמענט



רום פון מײַן לאַנד

װי אַ ליד דורך גרענעצן און צוימען
איבער ערדן, איבער יאַמען שפּאַנט, —
װײַט האָט זיך פאַרשפּרייט אין אַלע רוימען
הויכער רום און גרויסקייט פון מײַן לאַנד.

עפּשער װייניק פון דער ערד פיר עקן,
עפּשער טיפעניש פון ערד איז ניט גענוג,
האָבן הײַנט אין הויכע, העכסטע שטרעקעס
אַף דײַן רום די שטערן זיך פאַרקוקט.

װי דו שײַנסט אין פרײלעכקייט פון זיגן,
װי דו ביסט פאַרװאָרצלט אין דײַן בלי,
װי ס'איז ברייט דער פאָך פון דײַנע פליגל,
װי ס'איז הויך און מעכטיק זייער פלי.

אַלע אויסדערװײלטע, אַלע בעסטע —
גרויסע גאָרע װעלט פון ראַנד ביז ראַנד,
קום אַרויס פאַרגלײַכן, זיך פאַרמעסטן
מיטן רום און גרויסקייט פון מײַן לאַנד.

1937

וועגן די שטיינער, וואָס האָבן זיך געלייגט אין פונדאַמענט

וועז מע איז צוגעטראָטן בויען די געבײַדע,
די פּראָסטע שטיינער האָבן זיך פאַרזאַמלט,
א קוק געטאָן — דאָס איז ניט צו פאַרמײַדן,
און זיך אוועקגעלייגט מיט גרייטקײַט אין פונדאַמענט.

דערנאָך מיט גאַנצער קראַפט אַף זיך גענומען
די שווערקײַט פון די ווענט און פון די זײַלן.
און שטאָלץ איז די געבײַדע אופגעקומען,
איר טורעם זעט מען שוין אַף ווײַטסטע מײַלן.

אָ, מענטש! דו, וועלכער קומסט אַצינד באַשיינען
דעם טורעם־שפּיץ מיט פּאָן פון העלסטע פלאַמען,
פאַרנייג דעם קאָפּ פאַר יענע פּראָסטע שטיינער,
וואָס האָבן זיך געלייגט אינעם פונדאַמענט.

1939

העגט

העגט, העגט, אומרויִקע גרויסע העגט!
גוטע העגט מיט קיין פון מי באַהעלטע,
איר האָט געהויבן שווערע, הויכע ווענט,
איר האָט געבויט אַזויפיל שטאָלצע וועלטן.

איר האָט פון ליכטיקייט צו ליכט געפירט,
איר האָט אין פינצטערניש געצונדן שטערן,
און אַלץ, צו וואָס איר האָט זיך צוגערירט,
האָט צעבליט מיט פרייִדיקייט פון ווערן.

אומרויִקע גרויסע העגט!
אופגעריכט פון קייטן און פון פּייַנען,
האָט איר אופרוישן און אופברויזן געקענט
אַלע ראַכוועסן פון לאַנד פון מייַנעם.

אופגעריכט פון ליידיקייט און וויגט,
קומט איר איצטער מונטערע צו מעלדן,
אַז מיט אייַער פלייַסיקייט צעגרינט
פריילעכע דורכויסיקייט פון פעלדער.

אַז מיט אייַער פלייַסיקייט צעהעלט
ליכטיקייט פון אונדזערע געבויען.
העגט! העגט! אומרויִקע גרויסע העגט!
זייט געשטאַרקט מיט ליבע און פאַרטרויונג.

1930

פרילינג

אופגעוואכטע ווינטן
איבער צאנקענדיקע שנייען
אָטעמען מיט פײַכטער
אויסגעווארעמטקײַט פון פעלד;
מיט די הייסטע בלוט־געשרייען
איך באגריס א נײַעם
פרילינג אף דער וועלט.

קום צו אונדז מיט ברייטקײַט,
קום צו אונדז מיט שעפע,
אונדזער אָנגעלייגטער פרילינג,
קום!
פאר געבענטשטע רעגנס
אלע הימלען עפן
און פאר מילדע זונען
לײַטער דעם ארום.

אונדזער ערד האָט ווײַטן,
אונדזער ערד האָט ברייטן,
טיפעניש פאר וואָרצלען,
רום פאר בלי און צוויט.
ווו דו וועסט א שפאַן טאָן,
ווו דו וועסט א גיי טאָן —
אונדזער מי אנטקעגן
גייט מיט הייסע טריט.

אונדזער מי אין בלויען
מונטערן באַגינען,
און אין קלאָרן האַלב־טאָג
און אין שטרענגער נאַכט —
קוואַלן מיט איר שלאָגן,
פעלדער מיט איר גרינען,
האַנט איז מיט איר קרעפטיק,
האַרץ איז מיט איר וואַך.

דו וועסט דאָך זי כאָוועז,
פרילינג אונדזער גרויסער.
דו ביסט דאָך דערהויבן
אויך מיט אונדזער מי.
קעלט זאָל דיך ניט טרעטן,
ווינט זאָל דיך ניט שטויסן,
האָסט אַף אונדזער ערד דאָ
רוים פאַר צווייט און בלי.

ווו דו וועסט אַ שפּאַן טאָן,
ווו דו וועסט אַ גיי טאָן,
אונדזער פריילעך לעבן
זאָל דיר שמייכלען קלאָר.
קום צו אונדז מיט שעפע,
קום צו אונדז מיט ברייטקייט,
אָנזאָגער פון אונדזער
פרילינגדיקן יאָר.

1935

נאָך א רײַזע

גרויס דער פארבאנד —
אין דער לענג,
אין דער ברייט
וועגן אזויפיל פאראנען.
מיך האָבן געטראָגן אווטאָס איבער זיי,
מיך האָבן ארומגעפירט באנען.

געטרייסלט אין וואָגנס,
צופוס געשפאנט,
און אויך געשווומען מיט שיפן.
אין דער לענג,
אין דער ברייט
גרויס דער פארבאנד —
ניט איבערצומעסטן מיט שיף און מיט באן,
כאָטש דו זאָלסט ניט אויספאָרן וויפל.

מײַן דאָרשטיק אויג!
ביסט איצטער דערפרישט,
וווּהין ווּעסטו ווײַטער מיך פירן?
ניין, איצטער וויל איך גיכער צום טיש
די אײַנדרוקן רעאליזירן.

די אויגן כ׳פארמאך,
און ווידער פאר מיר
וועגן און אומוועגן טריפן,

ווו מיך האָבן באַנען אַרומגעפּירט,
ווו איך בין געשווומען מיט שיפן.

און אומעטום,
אין דער לענג,
אין דער ברייט,
אין ווײַטסטע עקן און ענדן —
אַזויפיל הענט
מיט אומרו און פרייד
זייער מי פאַרן מאָרגן פאַרווענדן,

און אומעטום
האָט אויג פאַרגעדענקט,
וואָס פאַר אַ פרײדיקן גלאַנץ האָט
יעדער צום בויען באַשטימטער שטיין,
יעדער געבוי פאַרגאַנצטער.

מיך האָבן די ווינטן
פון גרויסן פאַרבאַנד
באַפאַכט מיט הייסע פליגל,
מיט אַלע בויער
באַנאַנד,
באַנאַנד!
איך שטײַג מיט לאַסט פון ציגל!

מיך נעמט אַדורך
מיט ווינט און שווייס
די טיף פון שאַכטע־ברונעם,
און שמעלץ־אויוונס
מיך באַאָטעמען הייס
מיט צעגליטע זונען.

מיט אַלע, וואָס זײַנען אין העכסטער הייך
פון שטײַגן ניט איבערגעזעטיקט,

איך רוף זיך איבער
דורך וואָלקן, דורך רויך
אין פריילעכע גרויסע געוועטן.

מיט אלע,
מיט אײַך
אין גאנג,
אין דראנג
פון אײַערע קעפּ צעפּאָכטע!
אין אײַער דערהויבענעם געזאנג
מײַן קאָל איז אײַנגעפלאָכטן!

גיי דורך אַט די ראַכוועס

א ראַכוועס אזא מין
ווו נאָך וועסטו טרעפן?
א צודעק פון שניי
אף די פעלדער ליגט.
און ס'וואַרעמט זיך ברייט
אונדזער ליכטיקע שעפע,
און ס'זינגט אין דער וועלט
אונדזער אויסגעקעמפט גליק.
פאַראַן וואָס פאַרלאַנגען,
פאַראַן וואָס דערגרייכן,
וועסט דורכגיין אין דערפער,
וועסט דורכגיין אין שטעט:
אין מילדן, אין זיכערן
קינדערשן שמייכל
וועסט קענען דערקענען
דעם ווילטיק, די זעט.
גיי דורך אַט די ראַכוועס,
שפּאַן דורך אַט די ווײַטן,
וואָס דורכגיין געגעבן
איז דיר אין דײַן וועג.
ניט אויסמעסטן וועלן
קיין ווינטן פאַרשפּײַטע
פאַר דרײַ הונדערט
פינעף און זעכציק טעג.

1938

דעם אַנדענק פון אַרדזשאָניקידזע

אין פרימאָרגנדיקע העלע רוימען
טאָג פאַרשעמטער שוואַרצע בליצן צינדט.
אונדזער פאָן מיט שווערע שוואַרצע זוימען
שרײַט אין וועלט און שלאָגט זיך מיטן ווינט.

וויאַזוי אַרויסשרײַען דעם טרויער,
דעם פאַרלוסט באַזינגען וויאַזוי,
אונדזער פרײַלעכן און גרויסן בויער
האָסטו הײַנט אַרויסגעריסן, טויט!

אים, וואָס האָט געפירט און וואָס געגאַן איז
אין דער שפּיץ — אין שטײַגן און אין דראַנג,
אַף די העכסטע, העכסטע רישטעוואַניעס,
וויאַזוי האָסטו צו אים דערלאַנגט?

דורך די שטראָמען ליבע — הייסטע שטראָמען,
וואָס האָבן פון אונדזער האַרץ געשטראָמט,
צו זײַן ליבן שמייכלענדיקן פּאָנעם
וויאַזוי האָסטו זיך דורכברעכן געקאָנט?

ניין, ס'איז ניט צו רײַסן יענע קניפּן,
וואָס ער האָט פאַרקניפּט אין אונדזער שטרײַט,
שמייכל ליכטיקער, פאַרלאָשענער אַף ליפּן,
לויכטן וועט אין דורות און אין צײַט!

1937

זיגער

צי מע מישפּעט, צי מע מישפּעט ניט קיין זיגער,
וואַכזאַמע געשיכטע, זע און הער,
ווי אַ דאָר פֿון בויער און פֿון קריגער
גייט מיט פֿאָנעם אָפּענעם אַף דײַן פֿאַרהער.

וואָס דו האָסט צו מעלדן, זאָלסטו מעלדן,
וואָס דו האָסט צו פֿרעגן, ניט באַהאַלט פֿאַר זיך,
אויסדערוויילטע זיגער, אויסגעפּרוּווטע העלדן
נעמען אָן מיט גרייטקייט דײַן געריכט.

ניט באַשטרײַטבאַר אַלץ, וואָס אונטער צייכן
פֿון דײַן האַרבן אײַזערנעם באַדינג.
נאָר די וועגן, וואָס דו מערקסט און צייכנסט,
דורכצולייגן איז געווען ניט גרינג.

עפּשער קיינמאָל ביז אַצינדער, ביז אַהערצו
אַזאַ וויסטעניש אַף וועגן, אַזוי פּוסט —
אויב ניט אויספּלאַסטערן זיי מיט הערצער,
ווי וואָלט מען אַף זיי געשטעלט אַ פֿוס.

אויב געוואַגטקײַט וואָלט געווען פֿאַרבאָטן,
דרייסטקײַט אויב עס וואָלט געווען פֿאַרווערט,
וואָלטן דאַרפֿן בלײַבן ניט באַטראָטן
דײַנע אויסדערוויילטע וועגן אַף דער ערד.

צי מע מישפּעט ניט קיין זיגער, צי מע מישפּעט,
וואכזאמע געשיכטע, אנערקען,
וויפל וויַיטן נאָך ניט אופגעמישטע,
וויפל הייכן ניט דערשטיגענע געווען.

און דער שווערער גאנג פון דיַינע ציַיטן
לאנגזאם און ניט רירעוודיק אזוי,
פאר אזעלכע גארנדיקע וויַיטן,
פאר אזא מין וואַרטנדיקער הייך.

ווער זשע האָט די הייך דיַינע דערקלעטערט,
ווער זשע האָט דיַין וויַיט געוואגט דערגיין?
בלאט נאָך בלאט אין בוך דיַינעם געבלעטערט
האסטיקער ווי דיר האָט זיך געמיינט.

לויב צו זיי אין זייער אומרויִקן שטרעבן,
לויב צו זיי אין זייער דראנג פאָרויס,
אלע, אלע די, ווער ס'האָט דער ערד געגעבן
דעם געבענטשטן און באַניַיענדיקן שטויס.

1936

מאָטיוון פֿון אַנדערע יאָרן



טיכעלעך רויטע

טיכעלעך רויטע,
פּעדעמלעך דינע,
פלינקער און פלינקער
ניי, מײַן מאשינע.

טעג מײַנע יונגע,
מיט פריידן צעשיידטע,
האָסטו מײַן הונגער
געשטעפּט און גענייט דאָ.

ווייטעק אין אויגן,
פינגער פאריבעך,
רוקן געבויגן
בא דער מאשינע.

אָנגעגנייט, אָנגעגנייט
גאנצע בערג העמדער...
קיינמאָל פאר זיך,
שטענדיק פאר פרעמדע.

טיכעלעך רויטע,
פּעדעמלעך דינע,
היינט גייט אויף לויטער
א נײַער באגינען.

אונדזער באַגינען
הײַנט גייט אויף לויטער,
ניי, מײַן מאַשינע,
א פּאָנע א רויטע.

מאָרגן אַף גאַסן
וועט פלאַמען די פּאָנע,
ציטערן וועלן
דעם אַרבעטערס סאָנים.

שיכעלעך רויטע,
פּעדעמלעך דינע,
פלינקער און פלינקער
ניי, מײַן מאַשינע.

* * *

פון פינצטערניש, פון אונטערערד, אין שלאכט
ארויס, ארויס מיט פאָנען אין די גאסן.
ווי צוגעשטיקטע פונקען אונטער אש,
צעגליט זיך שוין דער צאָרן בא דער מאסע.

זיי גליִען, אָט די פונקען, ניט געשווינד,
מיר וועלן זיי ניט אופבלאָזן נאָך האיאָר,
נאָר זיי דערווארטן ערשטן גוטן ווינט,
קעדיי צעפלאקערן זיך אין א פייַער!

1927

די ביקס, די שפּיז, די שווערד

(אונגאַרישע רעוואָליוציאָנערע ליד)

קאַמראַד, וואָס זאָגט דײַן הונגעריקער מאָגן?
וואָס זאָגט דײַן שטוב, וואָס פינצטער איז און וויסט,
דײַן הונגעריקע ווײַב און קינד וואָס זאָגן...
קאַמראַד! ווי נאַקעט און ווי הויל דו ביסט.

די ביקס, די שפּיז, די שווערד,
נאָר זיי זײַנען אימשטאַנד
דיר אומקערן דײַן ערד
און מאַכן פרײַ דײַן לאַנד.

קאַמראַד, פון וועמענס שווייס און וועמענס טרערן,
פון וועמענס מי, וואָס בויט און וואָס באַשאַפט,
דער פּאָרעץ און דער גראַף אַלץ רײַכער ווערן,
זיי ווערן פעט, דער פּאָרעץ און דער גראַף.

די ביקס, די שפּיז, די שווערד,
נאָר זיי זײַנען אימשטאַנד
דיר אומקערן דײַן ערד
און מאַכן פרײַ דײַן לאַנד.

קאַמראַד! דײַן הערשער איבער דיר געוועלטיקט,
און דו ביסט נאָר מיט פּײַן און צאָרן זאַט.

דײַן קויעך, וואָס קאָן איבערקערן וועלטן,
קאַמראַד! באַווײַז דעם פּאָרעץ און מאַגנאַט!

די ביקס, די שפּיז, די שווערד,
נאָר זיי זײַנען אימשטאַנד
דיר אומקערן דײַן ערד
און מאַכן פרײַ דײַן לאַנד.

ווי דער פאַן קאַזימיעזש האָט געבויט א פּאַלאַץ

(אוקראַיִנישער פאָלקס־מאָטיוו)

אוי, דו אלטער זינגער, אוי, קאָבזאַר דו בלינדער,
וואָס ביסטו אנשוויגן גראָדע אָט אצינדער?
וואָלסט געטאָן א שפּיל איצט, וואָלסט געטאָן א שאַל איצט,
ווי דער פאַן קאַזימיעזש האָט געבויט א פּאַלאַץ,
אוי, א שלאָס א פּאַלאַץ, טורעמס גאַנצע זיבן,
אלע כלאָפּעס האָט מען ארבעטן געטריבן,
ניט געפרעגט בא זיי, צי ווילן זיי צי קאָנען,
ניט געשוינט דאָרט אויך די ביטערע אלמאָנע.
ערשט א וואָך איינגאַנצן, אז דעם מאַן פארלאָרן,
און א וואָך איינגאַנצן, אז א קינד געבאָרן.
ניט געלאָזט זי, נעבעך, אָפּרוען פון קימפּעט:
„גיי און שלעפּ די שטיינער פריילעך און מיט אימפּעט".
מיט איין האַנט געהאַלטן האָט זי ס'קינד דאָס קליינע,
מיט דער צווייטער האַנט האָט זי דערלאַנגט די שטיינער:
„אוי, איר ציגל־לייגער, בויט דעם שיינעם פּאַלאַץ,
און איך מיטן פּאָנעם צו דער ערד איך פאַל איצט".
אָף די ציגל פאַלן הייסע טרערן אירע,
נאָר דעם פאַן קאַזימיעזש זאָל עס נעמען רירן!
אונטער בארג א טײַכל שטראָמט דאָרט פרײַ און אָפן,
איז צו יענעם טײַך די מוטער צוגעלאָפן,
אוי, ווי צוגעלאָפן האסטיק און פארפאַליעט,
און איר זון אהין אראָפּגעלאָזט אָף כוואַליע.

צי א גלעט געטאָן אים צי פון ברעג א שטויס אים:
„שווים איבערן טײַכל, אומגליקלעכער יאָסעם.
טאטע־מאמע דײַנע העלפן דיר ניט קענען.
אוי, דו פאן קאזימיעזש, ברענען זאָלסטו, ברענען”.

און דו, אלטער זינגער, אוי, קאָבזאר דו בלינדער,
וואָס ביסטו אנשוויגן גראָדע אָט אצינדער,
וואָלסט געטאָן א שפּיל איצט, וואָלסט געטאָן א שאל איצט,
ווי דער פאן קאזימיעזש האָט געבויט א פאלאץ.
ווי געבויט אף בלוט אים און אף פּײַן אף שווערער,
זאָלן אים זיך אָפּוויינען איצט אונדזערע טרערן.

טויזנט נײַן הונדערט פערצן

מײַן הונט איז פארוואונדעט...
געמיינט, אז איך ווארף א שטיק ברויט...
און איך האָב צום פײַנט
א גראנאטע געוואָרפן.

געלאָפן דאָס כאפן...
מיט אימפעט געלאָפן
ביז רויכיקן אופרײַס...
און אומגעקערט האָט זיך צוריק
א באפלעקטער
מיט בלױענדע צייכנס פון ווייטעק...

און לייגט איצט אנידער
צו פיס צו מײַנע
דאָרשטיקן צונג...
און שטילע און שטומע צוויי הינטישע אויגן —
אויגן באפײַכטע,
מיט פראגע,
מיט טײַנע...

איז וואָס זאָל איך טאָן מיט מײַן הונט,
וואָס פארשטייט ניט,
וואָס קאָן ניט באגרײַפן,

וואָס איז אַזוינס אומזין,
וואָס ווייסט ניט,
אָף וואָס און אָף וועמען זיך קלאָגן...
— אָ, נארעלע, נאר,
כ'האָב דיך דען געמיינט?

1917

זאָגט צום ווײַב דער סאָלדאט

(פאָלקס־מאָטיוו)

— דאָס שיס־געווער שיסט,
און דאָס שטעך־מעסער שטעכט,
און דאָס וואסער פארווישט
און פארמעקט און מאכט גלאט.

ווי וועט איר באשטיין
קעגן אײַזן און שטיין, —
זאָגט דאָס ווײַב צום סאָלדאט.

— יאָ, די שפּיז איז א שפּיז,
און די קויל איז א קויל,
און דער טויט איז געוויס
נאָך ניט זאט, נאָך ניט זאט.
נאָר דאָס בלוט איז נאָך הייס,
נאָר דער מוט איז דאָך דרייסט, —
זאָגט צום ווײַב דער סאָלדאט.

— אך, איר פאלט דאָרט אין שלאכט
און פארגייט ווי דער רויך,
און עס ווארעמט ניט אונדז
אײַער מוטיקער טאט.
אך, ווי שנעל איר פארגייט,

און ס׳צעגייט אונדזער פרייד, —
זאָגט דאָס ווײַב צום סאָלדאַט.

— נאָר די שלאַכט וועט זײַן שלאַכט,
און אַנטשיידענע שלאַכט
פֿאַרן אָרעמען פֿאָלק,
פֿאַר דער אַרבעטער־זאַך —
זאָל די קויל נאָר זײַן שאַרף
און געצילט, וווּ מע דאַרף, —
זאָגט צום ווײַב דער סאָלדאַט.

אינהאלט

ה. רעמעניק. ארן קושניראָוו — דער דיכטער 3

וויַיטער מיזרעך

סאָלאלי 11
דער וועג אין דער טײַגע 13
וואלדהיים 15
אף די שפּורן פון מײַן יוגנט 18
די סאָסנע 20
מוירע פאר דער טײַגע 21
טײַגע 23
א נײַע שטוב 25
בירא און בידזשאן 27
א סימכע אין בירָאפעלד 28
בירָאבידזשאנער קינדער 30
דרײַ רויטארמייער 32
די ליד וועגן טויזנט מיידלעך 35
אן עשעלאָן רויטארמייער 37

פאָטער קאָמאנדיר

פאָטער קאָמאנדיר 41
איך טראָג אין הארצן טיף פארקריצט א נאָמען 43
סאָלדאטישע פּיס 45
אומהיימלעכע מילכאָמע 46

קיינעמס ערד 48
דער קאשעוואר ציילט די פארלוסטן 51
מארוסיע קאָגוט 53
ליבע צו ווייב און צו קינד 56
יוניק 58
די מוטער ראָכל 60
אונדזער מוזע 67
שמועל ראָסין 69
אָשער שווארצמאן 71
ניקאנאָר איוואניטש 73
אף מייזרעוו א צוג און אף מיזרעך א צוג 75
געפאר 78
ווי ווייט איז דער וועג קיין בערלין? 80
א גוטער כאָלעם 82
א גרוס דיר, זיג! 84
די ליד וועגן דער פאָן 85

ברויז

צוג 89
ראָסייא 91
„אלץ, וואָס לעבט און אָטעמט אונטער זון דאָ...” 93
„אין דיינע שטעט, אָנשטענדיקע אייראָפּע...” 94
הארבסט 95
„וועגן מיר, ווי אין הארבסטיקן דרויסן...” 99
וויל אומרויק ברומט ערגעץ ווינט 101
„מיינע שיפן שוין ווארטן אף ווינטן...” 103
„פאר יוגנט פארשייטער און דרייסטער...” 104
„שפיל פון שטורעמס איז צעברויזט און שוימיק...” . . . 105
„אף רויטן פלאץ, ווו שארף פון האק...” 106
„גאס וועט דיין אָרן היינט וויגן...” 107
הונגער 108
21 יאנוואר 1924 109
„דורך טירן און פענצטער פארקייטלטע...” 110

אזקאָרע

1. „שטאַרב, שטאַרב, מײַן געשריי, וועסט בעמיילע...״ 113
2. „ווינטן ראָצכים, ראַנגלט זיך, ראַנגלט...״ 114
3. „כ׳וועל ניט אופהענגען מײַן האַרפּע אף ביימער...״ . . . 115
4. „נאָר אין וועמענס טונקעלע פּענצטער...״ 116
5. „איז באַלאַגערט, באַלאַגערט מיך, נעכט...״ 117

„אף שלאַכטפעלדער וויסטע...״ 118

איך

1. „...ווער בין איך, וואָס בין איך און וועמענס...״ 121
2. „מיך האָט לעבן געלערנט שטענדיק...״ 122
3. „אין סאָף־נעכט, ווען פון פינצטערניש שיילט זיך...״ . . 123
4. „מיך האָט אײַנגעמידט ערדס באַוועגונג...״ 124
5. „...אין אָפּשײַן פון העלער ליכט...״ 125
6. „געדענקט דאָס, איר דאַרפט דאָס געדענקען...״ 126

„ניט דערפאַר דען...״ 127

„גרויער האַרבסט בייזערט זיך און רעגנט..״ 129

„עפּשער קומט מיר ניט און עפּשער קומט מיר...״ 130

מערי 131

„דיך באַגלייט ביז וואָקזאַלן מידע...״ 133

„מײַן קינד אין וויגעלע איז קליין...״ 134

„וועמען בעטן, צו וועמען זיך ווענדן...״ 135

„אַזױפיל יאַמען שנײַדן דורך די וועלט...״ 136

ווערטער 138

ווענט

ווענט 141

עקראַן 143

„היי, איר אָנשטענדיקע און באשיידענע...” 145
„דאָס וועט אויך זײַן אונדזער לעצטער שטרײַט...” 146
באָלשעוויסטיש וואָרט 147
קיראָוו 149
א גרוס דיר, באָלשעוויסטישע פּארטיי 151
לאורענסיע 153
די פּאָן פון אויסלייז און באפרײַונג 155
וועכטער 156

דערמאָנונגען

כאוויירים פון מײַן עלטער 159
בויערקער זומער 162
אונדזער דאָר 164
א בריוו קיין אויסלאַנד 166
מאיאקאָווסקין 169
אפן טויט פונעם שטורעם־אָנזאָגער 171
לײַדנשאפט 172
דער בארג 173
ליד 174

וועגן די שטיינער, וואָס האָבן זיך געלייגט אין פונדאמענט

רום פון מײַן לאַנד 177
וועגן די שטיינער, וואָס האָבן זיך געלייגט אין פונדאמענט 178
הענט 179
פרילינג 180
נאָך א רײַזע 182
גיי דורך אָט די ראכוועס 185
דעם אָנדענק פון אָרדזשאָניקידזע 186
זיגער 187

מאָטיוון פון אנדערע יאָרן

טיכעלעך רויטע 191
„פון פינצטערניש, פון אונטערערד, אין שלאכט...״ 193
די ביקס, די שפיז, די שווערד 194
ווי דער פאן קאזימיעזש האָט געבויט א פאלאץ 196
טויזנט ניין הונדערט פערצן 198
זאָגט צום ווייב דער סאָלדאט 200

Кушниров Арон Давидович

ИЗБРАННЫЕ СТИХИ

М., «Советский писатель», 1975, 208 стр.
План выпуска 1975 г., № 283.

Художник *Т. И. Борисова*
Редактор *А. Ю. Гонтарь*
Худож. редактор *Е. Ф. Капустин*
Техн. редактор *Т. С. Казовская*
Корректор *А. Б. Стрельник*

Сдано в набор 4/V 1975 г. Подписано к печати 27/X 1975 г. Бумага 70×108¹/₃₂. № 1. Печ. л. 6,5 (9,1). Уч.-изд. л. 5,32. Тираж 1200 экз. Заказ № 2464. Цена 73 коп. Издательство «Советский писатель». Москва Г-69, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва Г-19, пер. Аксакова, 13